STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11161

TRIBE HIMLEN

I.M. Lewin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מ. לעווין

טריבע הימלען

I. M. LEWIN

TRIBE HIMLEN
(Dull Skies)

שער-בלאַט און צייכענונגען פון מחבר

PUBLISHED BY SOCIAL COMMITTEE
BY PINCHAS GOLDHAR READINGS CIRCLE

Printed by AUTOPRINT PTY. LTD., 256-258 High St., St.Kilda, Melbourne, - 1962

י. א. לעווין

טריבע פילען

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן דורך דעם געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
ביים פנחס גאָלדהאַר לייען-קרייז

מעלבורן 1962

א וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיטן מעגלעך מאַכן פון דערשיינען דאָס בוך פון אונדזער פריינד י. מ. לעווין, און איבערגעבנדיק דאָס אין די הענט פונעם יידישן לייענער, האַלטן מיר, אַז דער פנחס גאָלדהאַר לייען־קרייז אין מעלבורן האָט דערפילט אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע שליחות.

מיר, דער קרייז, וועלכער איז טריי די טראַדיציעס פון אונדזער אַמאָליקער אומגעבראַכטער היים, ווו עס איז אויפגעגאַנגען אַזאַ שפּרודלדיקע יידיש־וועלטלעכע קולטור, אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן דורכן חיה'שן נאַציזם, — האַלט לעבעדיק די ירושה פון אונדזערע גייסטיקע אוצרות, און מיט די כסדרדיקע אַקטיוויטעטן אויפן געביט פון יידיש העלפן מיר צו ווייטער צו בויען דעם בנין פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור.

געפונענדיק ווערטפולעס אין די ליטעראַרישע אַרבעטן פון אונדזער פריינד י. מ. לעווין, האָבן מיר געהאַלטן, אַז ס'וואָלט געווען אַן עוולה, ווען דאָס גייט פאַרלוירן פאַר דער יידישער ליטעראַטור, און דעריבער האָבן מיר געזען, עס זאָל דערשיינען אין בוך־פאָרם.

נעמענדיק אין באַטראַכט די ספּעציפישע באַדינגונגען פונעם יידישן ישוב אין אויסטראַליע, ווו מיר פאַרמאָגן נישט קיין איין יידישן פאַרלאַג אָדער מעצענאַט פאַר יידיש — דאָס וואָס אַנדערע ישובים האָבן יאָ — האָט דאָס דערמעגלעכן פון אַרויסגעבן אַ בוך דורך אַ געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו אַ ספּעציעלע באַדייטונג, — ווייל, — און דאָס איז כדאי אונטערצושטרייכן — דאָס באַווייזט, אַז אַ קרייז מענטשן, ליבהאָבער פונעם יידישן וואָרט, קאָנען אויפטאָן ווירקטיקע זאַכן פאַרן פאַרבעסערן די מערכה פון דער יידישער ליטעראַטור.

און זי, די „מערכה" איז געווען אונדזער אויסשליסלעכע כוונה, ווען מיר האָבן גענומען די איניציאַטיוו ווי אויך די פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע אַרויסצוגעבן די שריפטן פון אונדזער פריינד ישראל מרדכי לעווין אין בוך־פאָרם.

דערמיט זענען מיר גליקלעך אויסן געווען צו באפרייען דעם מחבר פון אלע שוועריקייטן און זארגן, וועלכע שטייען פאר א יידישן שרייבער ביים ארויסגעבן א בוך אין אונדזערע היינטיקע באדינגונגען אין אויסטראליע.

מעלבורן, 1962.

געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט
ביי דעם
פנחס גאָלדהאַר ליטעראַטור־קרייז

הקדמה

איך בין נישט געשטאָרבן אין טרעמבלינקע, נישט אין אוישוויץ, פּאָנאַר, באַבי־יאַר, אויך נישט אין דער שטאָט פון מיין געבוירן, וואַרשע.

איך בין נישט געוואָרן פאַרגאַזט, פאַרברענט, דערשאָסן, געהאָנגען, צעריסן דורך הינט — און דאָך בין איך אומגעקומען צענדליקער מאָל מיט די אַלע מיתות־משונות, מיט וועלכע עס איז אומגעקומען א גרויסע טייל פון מיין משפחה, מיין פרוים משפחה ביזן לעצטן, אזוי ווי ס׳איז אומגעקומען א דריטל פון מיין פאָלק, דאָס בלוט פון מיין בלוט, דאָס פלייש פון מיין פלייש.

איך האָב אַדורכגעלעבט די טויט־שרעק פון ליגן באַהאַלטן אין א שאַנק, ווו ס׳איז אין דער אמתן געלעגן באַהאַלטן חיה דאַרעמבוס, די טויט־שרעק אויפן בוידעם־שטיבל אין אַמסטערדאַם, ווו ס׳איז אין דער אמתן געווען באַהאַלטן דאָס קינד אננא פראַנק. די טויט־שרעק אין די וואַגאָנען וואַרשע — טרעמבלינקע, לאָדזש — אָשוויענטשים, לעמבערג — בערגן־בעלזען.

איך בין געווען געהאָנגען צענדליקער מאָל פאַר וועלן ראַטעווען דעם נאַקעטן גוף מיט א שטיקל ברויט פאַרדינט „נישט־כשר" לויט דער נאַצי־מאָראַל.

איך האָב אַדורכגעמאַכט צענדליקער סעלעקציעס, בין צענדליקער מאָל געהאָנגען צווישן לעבן און טויט, איבער וועלכע דער נאַצי־דאָקטאָר איז געווען האַר און געביטער.

יאָרן זענען פאַרביי און דאָס בלוט פון די קדושים האָט גענומען מאָנען און רופן: — רעד!

איך האָב לאַנג נישט אויסגעפאָלגט דעם אינערלעכן רוף — אָבער דאָס געשטאַלט פון מיין אומגעקומענער שוועסטער יוכבה, פון מיין שוואָגער און זייערע קינדער, די געשטאַלטן פון אַלע אנדערע יוכבד׳ס, ישראל׳ס, שרה׳ס און פון די קליינע יצחק׳לעך, האָבן אָנגעהויבן פאַרבייגיין פאַר מיינע אויגן און רעדן צו מיר סיי בשעת מיין באַשעפטיקונג, סיי אין די שטילע שעה׳ן, אפילו אין חלומות — און איך האָב אָנגעהויבן אויסצודריקן

דאס אלץ, וואס כ'האב געפילט, וואס האט געדרימלט אין מיר, וואס האט פארגאסן מיין מוח מיט כוואליעס בלוט, וואס פלעגט אפשטעלן דאס קלאפן פון מיין הארץ.

* * *

איך וויל אויך דעם ארט אויסדריקן מיין דאנקבארקייט צו אלע מיינע נאענטע און פריינד פארן דערמוטיקן מיר צו שרייבן — ווי אויך א ספע־ציעלן דאנק דעם פנחס גאלדהאר לייען־קרייז פאר דער איניציא־טיוו, און פאר דעם מאטעריעלן דערמעגלעכן דאס דערשיינען פון דער דאזיקער זאמלונג. איך דריק אויס גלייכצייטיק מיין הארציקן דאנק צו די פיל אנדערע פריינד, פאר זייער מי און מאראלישן ביישטייער צו דער דאזיקער אויסגאבע, ווי אויך א ספעציעלן דאנק די זעצערס מ. ווילענסקי און ב. האניגמאן פאר זייער זארגזאמער מי ביים דרוקן דאס בוך.

* * *

איך גיב איבער די דאזיקע זאמלונג צו די לייענער מיט א שטילער תפילה אין הארצן, אז מיינע ערשטע טריט, מיין קול דממה דקה זאל דער־גיין צו זייערע הערצער, אזוי ווי דער פייף פון דעם פשוטן פאסטעך־יינגל, וואס איז דערגאנגען צו די הימלען און געווארן אנגענומען באהבה.

דער מחבר

ר. י. פ.

(ריינע - יודען - פעט)

פ אָ ע מ ע



יאָר נײנצן־הונדערט־פערציק־און־דריי,
יאָר אײנער אין א טויזנט גרויליקער צייכן!...

טויזנט-ניין-הונדערט-פערציק-און-דריי

יאָר ניינצן-הונדערט-פערציק-און-דריי,
יאָר איינער אין א טויזנט-גרוויליקער צייכן!...
האָסט אין חשכות געשפּענסטיק זיך געטראָגן פאַרביי
מיט קלימפּער פון האַקנקרייץ-קייטן.

דיינע רגע׳ס און שעה׳ן מיט אכזריות צעאַקערט,
האָבן פּאַמעלעך, ווי זעמדעלעך, אין אייביקייט זיך געשאָטן,
מיט יעדן זעמדעלע האָט א נשמהלע,
ווי א פלעמל, דאָס לעצטע מאָל אויפגעפלאַקערט,
און אַוועק אין אייביקן שאָטן.

יאָר פערציק-און-דריי,
יאָר צענטער פון וויים-גליאיקן מולך-פלאַם.
א געשענדעטע ליגט היינעם „לאַרעליי״,
ס׳יובלען עלזא׳ס באַזויפן מיטן האָרסט וועסל-סם.

א געקרייציקטע ליגט די וועלט
און גוססט מיט מיליאָנען גסיסות.
מיליאָנען דערשלאָגענע
אויף די קני געשטעלט
שטאַרן אין שרעק. מיליאָנען צעטראָטענע, באַשפּיגענע
אָטעמען איין דעם סמיקן האַס,
וואָס האָט אור-וואַלד פאַרפלאַנצט אויף רוּאיקער גאַס,
וואָס האָט דעם געטלעכן פונק פאַרלאָשן,
די חיה אינעם מענטש געוועקט,
וואָס האָט אויף רעוּוען פאַרביטן דאָס מענטשלעכע לשון,
וואָס האָט דיין ה ײ נ ט מיט שאַנד באַדעקט

און אפילו דיין מאָרגן —
וועמענס דורות
וועלן עסן די פאַרדאַרבענע פּירות
פון זייער טונקעלן נעכטן.

מיט חשבון,
קאַלט,
ווערן געשאָכטן
די יידן חוץ-למחנה געשטעלטע —
געטריבענע ווי היימלאָזע הינט,
אין שולן פאַרשפּאַרטע,
מיט הייליקע ספרים, ווייב און קינד,
אַרומגעשטעלטע
מיט רינגען פון שטאָל און צעיוכעטע צורות,
האָבן זיי געפלאַקערט
אויף די מאָדערנע שייטערס,
הייליקער ווי די הייליקסטע מנורות
פאַר פאָלק און גאָט,
אַזוי ווי אין פריערדיקע דורות
געפלאַקערט עס האָט — צום געננס פון די פייניקער
און זייערע העלפער,
דאָס געקליבענע פּסולת פון פאַרסמטע פעלקער.

יאָר פערציק-און-דריי —
איבער דיינע פייער-הימלען
איז אויפגעגאַנגען
אַ האַנט,
וואָס האָט מיט שטומען געשריי
צעהאַנגען איר מאַנונג
פאַר טויטן,
פיין,

ווײ
און שאַנד.
א האַנט,
פון אַש און בלוט נקמהדיק פאַרקנופּט,
א האַנט,
וואָס האָט אויסגעבערענט
מיט פײַער
אויף א פײַער־וואַנט
דעם פּסק,
וואָס האָט מיט קאַלטן צאָרן געגליט. —

עס נעמט זיך שוין לעשן...

עס נעמט זיך שוין לעשן
די נאַצישע בראַנד,
וואָס רעוועט נאָך מיט צעווילדעטע רעש׳ן
אינעם עמלק-לאַנד —
אָבער
עס נעמט זיך שוין לעשן —
עס נעמט זיך שוין לעשן...

פאַרווונדעט איז די בעסטיע,
דאָס בלוט אירס שוין פליסט,
שוין הערט זיך א כאָרכל אין איר געבריל —
אָבער שאַרף נאָך די ציינער,
רייסיק נאָך איר ביס,
כאָטש ס׳גיט שוין א ציטער אָן אבר אין דער שטיל
פון נאָענטער גסיסה א סימן וואָס איז...

נאָך פלאַקערן שייטערס מיט מיליאָנען קדושים,
נאָך סקריפּען תליות מיט מוטיקע פּאַרטיזאַנער,
אָבער ס׳לויפן שוין פון מזרח, ווי עכברושים
פון א זינקענדיקער שיף,
די שטאָלצע נאַצי-פּרעטאָריאַנער.
פון די רוסישע מרחקים,
פון אָנסופיקער ווייט,
פון פעלדער באַדעקטע מיט שניי-ווייסן טויט,
ברענגען שניידיקע ווינטן געשרייען פון בהלה —
עס לויפן אָן קראָען אין פּאַרטייעטע שעה׳ן

און קראַקן מיט צאָרנדיקע שנאָבלען :
— מפלה !...
— מפלה !...

אין א ווילדן טאַנץ פלעכטן זיך צוזאַמען
שרפה-פלאַמען,
הייזער-געקראַך, באָמבן-געוויי
מיט „הייל-היטלער" !...
לעצטן טויט-אויסגעשריי,
און שטילע, פלוכיקע קללה...

מוחות ווערן צעטומלט —
מ'מורמלט :
— וועלן מיר ווידער פאַרלירן
— לעבנס-רוים,
— וועלט-הערשאַפט,
— גרויסקייט-טרוים ?! —

איבערן רוים
שאַלן
די ברוינע קאַניבאַלן :
— פאַרניכטן דעם ייד !
— מוט ! —
— און מיר האָבן די וועלט !
און דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, אויף די פיס געשטעלט,
קלאַפּט מיט די קנאַפּל :
— צום באַפעל !
— סאַליוט !
און עס קלאַפּן איבער אַספאַלט פון גאַסן
באַנאָגלטע שיך צום טאַקט פון די טאַצן
פון אָרקעסטערס, וואָס בראַזגען „האָרסט וועסל-ליד".
ס'ענטפערן צום קלאַפּן כאָראַלע געשרייען

פון צעווילדעוועטע רייען:
— „הייל-זיג״! ...
— „הייל-זיג״! ...

אָבער עס נעמט זיך שוין לעשן...
אין דער שטאַרבנדיקער בעסטיעס אײנגעווייד
כאָרכלט מאָוימדיק א געברום
וואָס דערגייט
העט ווייט,
אומעטום
וואהין די ממשלה פון האַקנקרייץ דערגייט.

ס׳ציטערט אויף יעדער מיט טויזנטער שרעקן
פאַר טויזנטער טויטן
באַהאַלטענע אינעם געברום.
שטום
בלייבט דער קרבן ווי אין פאַרכישופטן אָרום
פון א שלאַנג,
וואָס טוט שרעקן
מיט שטילן, שיפעדיקן קלאַנג...

— — — — ס׳דונערט איר וועלפיש געהייל
דורך חושך פון געהיימער הייל —
מיט „הייל-היטלער״
ווערט שווארץ געחתמעט אין איר יחוד-צעל
א שגעונדיקער באַפעל:

„מיט די זעלבע מעטאָדן
ווי האָר פאַר מאַטראַצן,
זאָל מען פון לעסטיקע יידן
שאַפן זייף-ערזאַצן״ —
— „ר—י—ף״ — ריינע-יידן-פעט —
(יעדעס אות א וואָרט פאַרטרעט)

זאָל צייכן זיין.
שטרענג געהיים!!
...... ניינצן-פּערציק-דריי".

און דאָס אומגלויבלעכע איז וואָר — — —
זיי ליגן אין שאַכטלען —
אין יעדן דריי פּאָר...
אותיות שפּיציקע, אין אַלט-גערמאַנישער שריפט,
אותיות, פון וועלכע דער אָטעם שטיקט...
— — — — און א טראָפּן בלוט טראָפּנווייז טריפט
ווי פון אויג א טרער, טראָפּ נאָך טראָפּ;
פון יעדן שפּיץ, פון יעטוועדן אות
א ווארעמער נאָך טראָפּן,
וואָס פילט אָן איבערן ברעג
פון ליידן דעם כוס — — — — —

— — — זיי ליגן פאַרדמיונט אין דרימלענדיקן גליווער
און טראַכטן מחשבותן פון זייער נאָענטן עבר.
מיט שטיל-שטילן געפּליסטער, אָן ליפּן, אָן ציינער
אין שכנישער נאָענטקייט זיי שמועסן זיך איבער
וואָס נאָר זיי קאָנען הערן —
מער קיינער.

זייער געצוימטן געמורמל גיפטיק שניידט דורך
א ציניש געציש פון פרעכע פאַרקויפער:
— „עטוואס באַזאָנדערס—מיין הער! ש-ש-ש קיין שאָרך!...
— ערע צו מעלדן:
— פון ווארשעווער געטאָ די יידישע „העלדן"...
און דאָס ביר-קול פון קויפער
שמאַלציק, טיף-קעליק
כאָרכלט ביז טרערן —

— „ווירקליך באַזאַנדערס, ווירקליך...
— מיינע הערן... מיינע הערן..."

און מ'לאַכט, מ'שפּאַט און ציניש מ'האַנדלט
מיט די קדושים'ס גופים
אין פּעטס פאַרוואַנדלט.
די פרעכע פאַרקויפער,
די מנוולדיקע קויפער פאַרכליניעט מיט גאווה,
טובלען זיך מיט תאווה
אין שוימיקער זינד —
זאַפּן זי איין ווי א דאָרשטיקע שוואַם
און זינקען אין שליימיקן תהום
פון גרויזאַמסטן פאַרברעכן.

— — — — — — — — — — — — — — —

עס גייען טעג
ווי שווערע וועגענער איבער זאַמדיקן וועג,
ענלעכע ווי צווילינגס,
ווי אויף א שנירל די קרעלן.
עס קומען קונים, קויפן און קוועלן
און קיין איינער פון זיי,
גשמיה'דיק פאַרדאָרבן
הערט נישט דעם פאַרשטיקטן געשריי,
פילט נישט דעם וויי
פון'עם אומשולדיקן קרבן.
זיי פילן נישט אפילו —
ווי קאָנען זיי פילן —
דעם קרבנס געפליסטער,
וואָס איז שטילער ווי א תפילה
געשעפּטשעט מיטן האַרץ —
פרעמד איז פאַר זיי דעם קרבנס פּיין
און ענדלאָזער שמערץ.

— — — — — און אונטער הימלען אַשיק־רויטע
א באַרג פון געפאַלענע זיך הויפנט...

שחיטה

פאַרגאַנגען דער טאָג.
אויפן שטאָטישן טורעם
דער זייגער שלאָגט:
צוועלף! —
האַלבע נאַכט — —
פאַרשאָטנט שלאָפט דער אַרום,
איין ווינקל בלויז איז וואַך.
אין צימצומדיקער שיין
פון בייַנאַכטיקע שאָטנס
טויכט אויף א בילד, ווו געוויין,
זיפץ און קרעכץ איז ברודערלעך פאַרמישט
מיט טרערן, וואָס פלייצן פון אויגן נישט געווישטע,
מיט הייסן אָטעם,
מיט ווערטער, וואָס בריען,
מיט חרטה'דיקע ווידו'ס, וואָס זיך ציען,
פעדים צעריסענע פון אונטער דער נשמה,
זוכנדיק א תיקון, לעכצנדיק נחמה.
מיט שאלות און ספיקות א משא איבערן כוח
פאַר די שוואַכע אַקסלען,
הוילן מוח.
מיט חלומות נישט דערפילטע,
מיט באַגערן פאַרבאָרגענע
צוזאַמען מיטן טויט געבליבן דערוואָרגענע...
מיט בתולה'דיק ריינע, יונג-פרויאישע פאַרלאַנגען,
וואָס זענען פאַראומרייניקט געוואָרן,
צום תיקון נישט דערגאַנגען...
מיט צער פון טאַטעס,

מיט מאַמעס שגעון
צוזעענדיק מיט בושה זייערע טעכטערס בזיון...
מיט אומשולדן פון קינדער,
מלאכימלעך שטילע
אומגעקומען אין קדושה —
ריינע, ווי די ריינסטע תפילה
אין די געטאָס פון פוילן... פּאָנאַר... באַבי-יאַר...

— — — — — מאָרד-מאַשין, חיה און געפּייניקטער מענטש...
משוגענער ווירוואַר —
א פלאַנטער א ווילדער...
„רבונו-של-עולם״!!...
„שמע ישראל״!!...
טויט-שרעק געשרייען אויסגעמישטע
מיט מתים פון חנה׳לעך, אברהם׳ס, מיכאל׳ס
און תלינים׳ס טייוולאָנישער געפילדער.
ק י נ ד ע ר ל ע ך !!... מ אַ - מ ע !!...
אַן אָפּגעהאַקטער אין מיטן געשריי —
„אשמנו!״...
„בגדנו!״...
פלעכטן זיך צוזאַמען
מיט טרוקענע זאַלפּן, גסיסה-כאָרכל
און הינט׳ס צערייצטע בילעריי — — — — —

— — — — — און אונטער הימלען אַשיק-רויטע
א באַרג פון געפאַלענע זיך הויפנט,
צוזאַמען מיטן באַרג
הויבן זיך צו די הימל-הייכן
פונעם פאַרענדיקן בלוט

שטיקנדיקע רויכן,
לעצטע אויסגעשרייען,
לעצטע גסיסה-אויסהויכן
פון די פאַרפייניקטע גופים — — — — —

אוועק זענען די רוצחים.
די מתים ליגן מיטן לעצטן פחד פאַרשטומט.
נאָך שטומער פון זיי איז דער טויט-שטילער ארום...
נישט קיין רוף פון א פויגל,
נישט פון ווינטל א בלאָז,
נישט קיין ציטער פון א בלאַט,
נישט קיין ווייען פון גראָז,
נישט קיין געררויש פון א בוים,
נישט קיין שאָרך פון צווייגן,
ס'שטומט נאָר די שטילקייט אין אומהיימלעכן שווייגן.

טרערן האָבן די וואָלקנס מיט כמאַרע באַלאָדנט,
די זון האָט מיט כמאַרע איר פנים פאַרשאָטנט.
די שפּיגלען פון וואַסערן האָבן מיט אומעט זיך פאַרצויגן
און געטרויערט אין די טיפן ווי בעלמעדיקע אויגן.
ס'שטומט חיה, ס'שטומען פלאַנצן,
ס'שטומט דער ארום דער גאַנצער.
מיט יראהדיקן שווייגן ווערט באַערט
דער כבוד פון מענטש
וואָס האָט מיט זיין בלוט
באַגאָסן אלעמענס מאַמע: די מאַמע ערד.
און די ערד די געטרייע,
זי לעשט און קילט
דעם ווייי און דעם פּיין
פון יעטוועדן ביין,
פון יעטוועדן גליד —
ווי א געטרייע מאַמע זי טוליעט און גלעט

די טויטע ווי קינדער,
און ווי פאַר קינדער, א געלעגער א קילם
פון זאַמדן די קלאָרסטע
אין צער זי גרייט —

ס׳איז שטיל.
ס׳איז טונקל.
זען מען קאָן, ווער אַן אויג נאָר ס׳האָט
הענט, צום לעצטן מאָל אויפגעהויבענע
נאָך רחמים צו גאָט.
דעם פּחד אין אויגן אַרויסגעזעצטע,
הערן מען קאָן, ווער אַן אויער נאָר ס׳האָט,
די לעצטע געשרייען,
די לעצטע פאַרן טויט.
פון האַרץ דעם קלאַפּ —
דעם סאַמע לעצטן...

יעטווען „שמע ישראל״, יעטוועדן דערוואָרגענעם קלאַנג
אין האַלדז געבליבן א פאַרשטיקטער
ווי זיי גייען אויף צוזאַמען אין א שטיל, יאָמערלעך געזאַנג
פון בלוטנדיקע נשמות
אין צער דערדריקטע — — — —

ס׳הויבט זיך אָן שטיל, קוים-קוים צו דערהערן
מיט שטילקייט פון הילפלאָזע טרערן,
ס׳גייט איבער שפּעטער אין געשטייגערטן ברומען,
ס׳גיסט זיך אָן מיט כוח,
ס׳קומען צו שטימען,
ס׳צעוואַקסט זיך דערנאָך געטראָגן דורכן עכאָ,
און ס׳שטייגט ווי נשמות אין עליות,
העכער און העכער...

א געמיש פון קולות...
וויינען דאָס אָן תיקון געבליבענע יאָרן,
פאַרשניטענע טעג?
כליפּען דאָס נישט-געבוירענע, פאַרשעמטע קאַיאָרן?
רוישן דאָס גראָזן מיט בלוט באַפלעקט?
איז עס צעשראָקענער פייגל-געפלאַטער?
דאָס אייביקע מענטשלעכע טרויערן?
דער רויער געכריפּ פון בית-דין-של-מטה,
אָן אל-מלא-רחמים פון מלאכישע כאָרן?
אָדער זענען דאָס קולות פון פאַרשיכורטע מאָרדעס
מיט טייוולאָנישן לאַכן, פייפן, וואָיען,
פון צעהוליעטע, צעשטורעמטע האָרדעס,
וואָס פראַוועז זייערע אָרגיעס, פּערווערזן בראָיען?...

ס'איז אַלץ צוזאַמען.
ס'איז א געזאַנג
פון בענקנדיקן טרויער ווי נאָך א לעצטן באַגלייטן,
נאָגנדע בענקשאַפט פון טרויעריקע פלייטן,
ס'איז סאַמעט פון פידלען אין געוויין צעצויגן,
וואָס צערייסט די נשמה מיט יעדן פיר פון בויגן.
ס'איז א מאָנענדיקער „פ אַ ר וו אָ ס"
פון צעצאָרנטע באַסן
מיטן געבראזג פון די טאַצן צו די זעלבע „פ אַ ר וו אָ ס ן".
ס'איז פון די טאַצן דער בליץ — דעם מערדערס אויגן,
ס'איז דער שאָס און דער בראַזג —
ס'ווערט די סטרונע צעריסן...
ס'איז א געזאַנג
וועגן בלינדער רציחה,
רשעות געזונקענער,
וועגן ווערטן די העכסטע אין טומאה דערטרונקענע,
ס'איז א געזאַנג

פון פֿאַרפֿייניקטע פּאָר זייער גלויבן,
מיטן שטאַרבן פֿאַר אַן אמת —
צו קדושים דערהויבן.

אינעם אַרומיקן חושך גנבעט זיך אַריין
פון דער בלאַסער לבנה א נישט דרייסטע שיין.
א ציטערדיקער שטראַל טוט בלויז א בליק
און שטיל ווי געקומען — ציט זיך שטיל צוריק.

משמר דער דריטער.
ס׳בייט זיך די סצענע —
דער וואַרשעווער געטאָ קומט אויף דער אַרענע.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואַרשעווער געטאָ

וואַרשעווער געטאָ!
פון איבער די חורבות
שוין לאַנג צעגאַנגען פון שרפות די רויכן,
שוין לאַנג פאַרשטומט קדושים׳ס אויסהויכן — — —
וווּ פלעצער אַמאָל, געסלעך, גאַסן געוועזן —
פאַרשאָטן מיט גרוז און ציגל
קופּעס מתים ליגן, און שפּינען
אין צער צעריסענע טרוימען
וועגן אַמאָליקע היימען,
וווּ געשטאַנען ס׳איז מאַמעס בעט,
פול מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען ס׳הילצערנע וויגל,
וווּ זיידעס ספרים־שאַנק האָט יהוסדיק זיך איבערגערעדט
מיט דער יינגערער שוועסטער — דעם טאַטנס ביבליאָטעקל,
וווּ ס׳האָט, אָפט, „א טאָג אין וואָך אויסגעפעלט",
וווּ שבת־ליכט האָבן דעם דלות באַהעלט...
וווּ באָבעס האָבן „גאָט פון אברהם" אַזוי האַרציק געזאָגט
נישט דאַאיק פאַרטראַכט,
יעדן שבת פאַרנאַכט.

וווּ האָרעפּאַשנער עולם פון לעבן געפּלאָגט
האָט געאַרבעט, געהאָפט און געזאָרגט
ווער פאַר זיך און קינדער
אין תכליתדיקן מיען,
ווער פאַר פאַרוואָרצלט דאַאיקייט,
ווער פאַר ציון,
פאַר וועלט־אויסלייז ווער.
וווּ עס האָט זיך האַרמאָניש
צוזאַמענגעמישט נאָך דערהויבנקייט א באַגער

מיט ניגון פון הארציקע תפילות פון פשוטע יידן
וואָס געגומען האָבן אַלץ באהבה,
מיט אַלץ געווען צופרידן.
ווי צעפלאָטערטע געזאַנגען פון פרייהייטלעכע לידער
האָבן געוועקט און גערופן
צום אויפשטייג פון דער נידער,
ווי פרייד און לייד, געזאַנג געמישט מיט טרויער
האָבן דאָס לעבן געקנאָטן פון דור צו דור.
און דור נאָך דור האָט אַ נייע רינג פאַרפלאָכטן
אין דער פאַרביקער קייט פון זייערע פאָטערס ירושה
פון קרישטאָלענע „אני-מאמינ׳ס" —
ביז וואַנען, ביזן לעצטן געוואָרן געשאָכטן
פאַר „אני-מאמינ׳ס" די העלסטע,
געטובלטע אין קדושה.

וואַרשעווער געטאָ!
דיינע גאַסן, דיינע געסלעך געשענדעטע ליגן
ווי יריעות פון א ספר מיט אומריין באַשפּיגן...
מיט נאַצישע שטיוול איז צעטראָטן און פאַרבלאָטיקט
די הייליקע שריפט,
פון דורות געשריבן מיט אייגן בלוט —
איצט אויסגעבלוטיקט.

וואַרשעווער געטאָ!
דיינע אַמאָליקע גאַסן רייך אין געפילדער —
אין שטילקייט פון חורבות, טויטע קאַנאַלן,
מיט שטיינערנעם לשון דערציילן די בילדער
גבורה-לעגענדעס אין דיין הערלאישן פאַלן.
אָט דאָ האָבן צום סדר צעהילכט זיך הארמאָטן
די ניגונים פון דער אַלטער „הגדה" צו פאַרשטומען,
דאָ האָט אויך „שפוך-חמתך" זיך צאָרנדיק צעזאָטן
ווען די „עבדים היינו" האָבן פאַרן ביקס זיך גענומען.

נאָך הילכן אין דער שטילקייט צאָרנדיקע שאָסן
פון מענטשן אין א קאמף פאַרן צלם אלהים,
מיט בלוט פונעם הארצן, וואָס האָט ווי וואסער געפלאָסן,
האָבן זיי א מגילה געשריבן פאַר זייער אייביקן רום.
וואַרשעווער געטאָ!
דו ליגסט ווי א לעפּרא פאַרשטויסן און פאַרהייליקט
און שרעקסט מיט דיינע ווונדן פון שנאה צעריסן,
צעשראָקענע טריט מיידן דיך אייליק
פון די, וואָס פאַרדעקן מיטן צלם א שווער געוויסן.

שטיל ליגסטו — נאָך שטילער ווי א קברות,
די ציגל פון דיינע הייזער, אָנגעשיטע ארונות...
בלויז א ווינטל א שטילס בלאָזט פון צפון, בלאָזט פון דרום,
ווייל שטילן דעם צער פון דיינע קברים־נישט־קברים.

וואַרשעווער געטאָ!
פאַרלאָזן, פאַראיינזאמט, אָן גואל, אָן רעטער,
א ציל—ברעט פאַר גיפטיקע אָפּלאַכער, אָפּשפּעטער —
„זאָלן זיי ברענען״! ווען געפלאַקערט האָבן פלאַמען —
„זאָלן זיי ברענען מיט זייער מיסט צוזאַמען״!...

און עס האָט געברענט...
און עס האָט געשרפט...
אין געטאָ — מיט פייער ווי אין גיהנום,
און איבער דער וואַנט — מיט שפּאָט און שנאת־חינם...
און איבער דער וואַנט, גלייך פונעם געטאָ־מויער,
אין גרויסן, גרוימען דרויסן
האָט דאָס לעבן געאיילט ווי גאָרנישט אויסן,
האָבן די א נ ד ע ר ע געלעבט ווער אין פרייד, ווער אין טרויער;
וו מ׳האָט געליבט, געהאסט, געטרוימט, געלאַכט, געזונגען,
וו די קירכן־גלאָקן האָבן אין די זונטיקס געקלונגען

און גערופן צום חסד פון געקרייציקטן,
צום דערלייזער מיטן פנים צעאַקערט מיט רחמנות און טרויער...
און די אַנדערע — די מענטשן פון אויסער דער מויער
האָבן פריי געשטראָמט פאַרביי
מיט פאַרריסענער זיכערקייט — „מיר זענען נישט זיי״ —
און האָבן אויסגעמיטן דאָס געטאָ, די נייע גאָלגאָטע
פון הונדערטער, טויזנטער, טויזנט מאָל געקרייציקטע,
דערנידעריקטע, אויסגעלאַכטע, פאַרשטויסענע אין זומפּיקער בלאָטע
ווי קרעציקע.

און זיי זענען געגאַנגען.
געגאַנגען אָן חסד אין זייערע הערצער
און אָן רחמנות אין זייער בליק,
און ווער ס׳האָט
מיט רשעותדיקער הנאה געקוקט,
און ווער מיט קאַלטן גלייכגילט
צום „יידישן פייער״,
ווען מאַמעס און קינדער
פון משוגעת באַצווינגען
זענען צוזאַמען
פון באַלקאָנען און פענצטער געשפּרונגען
פון די פלאַמען
דאָס לעבן צו ראַטעווען, וואָס איז פּלוצלינג געוואָרן טייער...

עס האָט געברענט —
און עס איז פאַרברענט...

נישטאָ מער קיין שולן, נישטאָ מער קיין קלייזלעך,
נישטאָ מער קיין קלובן, נישטאָ מער קיין קרייזלעך,
נישטאָ מער קיין מאַרקן, נישטאָ מער קיין קראָמען,
נישטאָ מער קיין קונים, וואָס זאָלן אין זיי זשומען.
נישטאָ מער קיין קינדער, מלמדים, לערער,

קיין שרייבער, שוסטער, שניידער, שערער,
קיין רבי, קיין טישן, קיין תורה,
קיין חסידים מיט זייערע הוועיות,
קיין שמחות, בר-מצווה׳ס, חתונות,
אפילו נישט לוויות...
נישטאָ מער קיין חתן, קיין כלה, נישטאָ מער קיין חופות,
ס׳איז מער נישט פאַרבליבן
ווי פון מתים און שטיינער פאַרמלאָזע קופּעס.
נישטאָ מער קיין שטומע בייגאַכטיקע שטילקייט,
קיין גאַסן פאַרשלאָפענע אין סאַמעטענער מילדקייט,
נישטאָ מער קיין זיפצן, קיין שטומע אויסגעשרייען —
נישטאָ אפילו קיין גראָז, וואָס זאָל אויף זייערע קברים ווייען...

אָ, גרויסער יחזקאל!
ווו איז דער רוח-החיים, וואָס האָט אַמאָל באַלעבט
אין דיין געטלעכער זעאונג פון צעשאָטענע ביינער א פעלד?
זאָל ער קומען אויך דאָ!
נישט אין זעאונג — נאָר אין ממשות
און צוריקרופן צום לעבן די אומצאָליקע נפשות
פון א געוועזענער, אמתער וועלט!...
א וועלט א גאַנצע אויף שטויב צעריבן,
א וועלט,
וואָס איז ווי א שאָטן פון א שאָטן פאַרבליבן!

אויך דאָ בלאָזט א ווינט,
נאָר א שניידיקער שניטער,
וואָס פאַרפּרירן אויף טויט קאָן די מוטיקסטע געמיטער --
ער קומט פון צפון, קערט זיך אום אויף דרום,
ווײנט און גלעט די קברים-נישט-קברים.
ער גלעט און ער בעט

און ווירבלט מיט כעס
ווען ער געפינט נישט וואָס ער זוכט!
מענטש, הויז, געסל, גאַס,
ער בעט און ער וויינט —
און עס געשעט נישט קיין נס!
עס שטייט נישט אויף פון זיין געלעגער
קיין איינציקער מת...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון די קעמפער די לעצטע
צום פאָלק די געטרייע,
פון די קעמפער די לעצטע
פון ווארשעווער געטאָ —
לויטן באַפעל פון צעיושעטער היה
איז געמאַכט געוואָרן „ריף" —
„ריינע-יודען-פעט".

— — — — — — — — — — — — — — —

שפוך־המתך! — טויזנט פאר איינעם,
אזוי ווי זיי אונדז —
זאָל נישט געשענקט ווערן קיינעם!!

ר ב

איך פרעג:
וואָס איז געווען דער רעיון
פון דאָזיקן שגעון?
און ווייל כ׳פאַרשטיי נישט — פרעגן איך מעג!
און אַן ענטפער וויל איך —
ווייל אויך איך אַן ענטפער שולדיק בין
צו מיין עדה, א קהילה קדושה פון אַן עיר-ואם-בישראל,
וואָס איז אזוי ווי איך, זייער רב אהרון ב״ר מיכאל,
אָן סיבה, אָן זין,
פאַרשניטן געוואָרן אויף קידוש-השם והאומה!

דו האָסט דאָך אויך געזען מסתמא,
ווי זיי האָבן געקוקט צו מיר מיט שטומע בליקן,
געזוכט מיין וואָרט אין אַן עת-צרה...
און איך?...
איך האָב אין זייער זייט נישט געקאָנט קוקן! —
וואָס זאָל איך זיי זאָגן? —
דאָס אַלץ איז פון בורא!?...

„לא המתים יהללו-יה ולא כל ירדי דומה״
— האָבן מיר מיט חדוה געזונגען שירה צו דיר —
שיין איז געווען צו הערן
ווי די הללויה׳ס האָבן זילבערדיק געקלונגען
אין קינדערשע מיילעכלעך בשעת׳ן זינגען —
און היינט? —
ווײ צום פאָלק, ווײ צו מיר,
צי מיר זינגען מעגן, צי פליסטערן אפילו,
בלחש, א שטילע מתים-תפילה

פאַרן אויסלייז פון פּיין —
נישט מיר דאָס ווייסן! —
מיר זענען דאָך אפילו נישט קיין מתים...
צעפּערטלט די קערפּערס, צעפּיצלט יעדער אבר,
מיטן בלוט הפקרדיק-אָפן, אָן כּיסוי-דמים
ווי פּגירה אין פעלד — אָן דעם זכות פון א קבר.
אָבער דערפאַר
האָט דער קרעמאַטאָריע-רויך,
וואָס האָט געקלעטערט צו דיינע הימלען אין דער הויך,
געשמעקט ווי די בעסטע בשמים.
די טייערסטע קטורת
עמלק׳ן —
דעם מערדער פון לאַנגאַניקע דורות.

און וואָס איז געווען דער זין, דער רעיון
פון דאַזיקן ווילדן שגעון?
איז אפשר, אז עמלק זאָל וואַנדערן מיטן צייכן פון קין
עד-סוף-כּל-הדורות אָן אומריינער?
איז דען נישט גענוג פון חומש דער איינער
פאַר א צייכן פון שלעכטס
און א וואָרנונג,
אַז עס זאָל מער נישט וואַגן קיינער
צו ברודער-מאָרד
הויבן זיין האַנט?

גרויס איז די מחנה פון די קינס —
אָבער ווי איינער צו טויזנט,
און אפשר נאָך גרעסער,
איז די מחנה פון די הבל׳ס
געפאַלענע אונטערן מעסער...

ווּ איז חשבון?
די הבל'ס זענען דאָך דיינע!...
איז אפשר דאָ א יש אין דער טענה,
אַז גלייך זענען אַלע, גוט צי פאַרדאָרבן —
פאַרוואָס-זשע,
זאָלן מיר, דיינע, זיין דער קרבן?
האָבן דיר אפשר געפעלט נשמה'לעך אין דיין כאָר —
איז דאָך
„טוב שלא נברא — משנברא" — און גאָר!...
וואָלסט אליין אויך נישט עובר געווען אויף דיין „לא-תרצח" געבאָט!
רבונו-של-עולם!
טייל מיר צו פון דיין גנאָד
און מאַך מיך קלאָר אינעם פאַרפּלאָנטערטן משוגעת —
ווען נישט —
נעם אָוועק ביי מיר ס'לעצטע ביסל דעת...
איך רייד נישט פאַר זיך — א יחיד א געפלאָגטער,
איך בין דאָך פוןביידע וועלטן א פאַריאָגטער —
ווי אזוי קאָן איך עולה זיין צו דיין כבוד
אַז כ'בין נישט מער ווי זייף —
קיין דמות-הגוף איז נישטאָ...
אפשר האָב איך אַמאָל געזינדיקט מיט גאווה
און די דאָזיקע דערנידערונג איז מיין שטראָף,
בין איך מקבל באהבה!
אָבער אל-רחום-וחנון!
איז זינדיק דיין גאַנץ פאָלק ישראל?...
קאָן דען זיין זינדיק גאַנץ קהל?!...
און די קליינע קינדער,
די תינוקות-של-בית-רבן,
זענען אויך זינדיק געווען,
וועסטו זאָגן?...
איז עס א טעות אין חשבון — טאָ גלייך עס אויס!

שפוך-חמתך! — טויזנט פאַר איינעם,
אַזוי ווי זיי אונדז —
זאָל נישט געשענקט ווערן קיינעם!!
זאָל מען נישט זאָגן:
לית דין ולית דיין!

- — — — — — — — — — — — — — — — — —

רבונו-של-עולם!
כ'האָב א בקשה צו דיר:
זאָל ווערן גוזר
אז עס זאָל פאַלן אויך אויף מיר
דעם חוב צו באַצאָלן —
אַז כ'זאָל זיין דערצו ראוי —
איך וואָלט געצאָלט מיט צ ד ק - כ ד ב ע י!!



איינער נאָכן צווייטן פֿאַרביי גייען צוגן...

וויבראַניעץ יאַן

מײַן נאָמען איז: וויבראַניעץ גאַבריעל יאַן.
ביים לעבן א דרוזשניק געווען. געלעבט פון דער באַן.
געהאַט א פרוי א ליבלעכע, צוויי קינדער,
דער קליינער גאַבריש, אין וויגל נאָך,
די עלטערע, מאַרישע, ביים האַנט.
א כאַטקעלע געמויערטס — אויף ווונדער,
א קו אין שטעלכעל, חזרים, הינער, א שטיקל לאַנד.
ליב געהאַט, א מאָל, אין קאָמפּאַניע צו טאָן א טרונק —
נישט צו זויפן — נאָר אַזוי — צו באַנעצן דעם שלונג,
געגאַנגען אין קאָשטשאָל, אַמאָל אויך אויף א טאַניעץ —
געוויזן די יונגע ווי ס׳טאַנצט יאַנעק וויבראַניעץ.

אין זומער, פאַרטאָגס, אינעם בלוי און גרוי,
ווען אָרום שמעקט מיט פרישקייט פון פרימאָרגן-טוי,
מיט אויגן וואַכזאַם, מיטן פענדל אין האַנט —
דעם מאַשיניסט א סיגנאַל — ס׳איז פריי דער פלאַנט!
און ס׳רעדלען אַדורך וואַגאָנען, ווי א שלאַנג
מיט גרין-געלע פלעקן, מיט ריטמיש-געקלאַנג
פון רעדער און שוועלן כאָראַלער געזאַנג.

און דו לויפסט מיט די אויגן איבער פענצטער, וואָס איילן
הער! ... העט! ... אין דער ווייט, אין דער ווייטקייט פון מײַלן,
און פלוצלינג דערזעסטו: א פּאָר אויגן קוקן...
און ס׳האָבן זיך געטראָפן פון ביידע די בליקן
בלויז אויף א רגע, א רגע א קליינע...
און ס׳צעשמייכלען זיך אויגן, די אויגן פון ביידע...

און ס'איז מיר אַזוי ווי צום לאַכן און וויינען...
כ'פּליסטער אין דער שטיל: ליובע דו מיינע...

מלחמה!
אַנפאַל פון די שוואַבן!
באַפאַלן ווי רויבער. אומגעריכט. ביינאַכט.
ווי מייז זענען צעלאָפן די באַגילדעטע שטאַבן,
צעפאַלן איז ווי א קאַרטן־הייזל די צעפּוילטע מאַכט,
האָט האָט דאָס פאָלק פאַרלאָזן,
פאַרקויפט און פאַראַטן
אַלץ און אַלעמען, וואָס איז זיי געשטאַנען
אין וועג.
בלאָנדזשענדיקע סאָלדאַטן
אָן גלויבן,
אָן וואָפן,
האָבן אין די נעכט געצויגן
און כסדר פון שונא געלאָפן
אין שרעק.

מ ל ח מ ה ! !
ס'גריזשעט די נשמה
אַ נישט געזעטיקטער וואָרעם:
וואָס וועט מיט ווייב און קינד זיין
ווען כ'וועל קעגן שוואַב
מיט ביקס אין האַנט גיין?...
נישט געוועזן, ליידער, דאָסמאָל באַשערט
אויסצופּרובירן אויף שוואַבישע קעפּ
די שווערד פון אונדזער רומרייכן אַמאָל —
האָב איך אין מיין שטאָל,
טיף אין דער ערד

א קעסטל גראַנאַטן באַגראָבן,
און ביי דער הייליקער מוטער,
ביי גאָט געשווירן,
אַז עס וועט לאַנג נישט געדויערן
און דער שונא וועט וויסן
פון באַהאַלטענעם וואָפן דעם ווערט !...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טעג
באַלאָדענע מיט שרעק
זענען אונטער הערשאַפט פאַרהאַסטער טרויעריק אַוועק.
פון ענגע טעג טריבע וואָכן ווערן,
וואָס ציען זיך אָן א סוף,
איבערפולטע איבערן ברעג
מיט פיין און טרערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איך בין ווידער געשטאַנען מיטן פענדל אין האַנט
ביי מיין היימישן פלאַנט
אין אַדורכגעלאָזט צוגן, בייטאָג און ביינאַכט
מיט אַ האַרץ, וואָס האָט געברענט מיט באַהאַלטענער שנאה ;
מיט א פנים, וואָס האָט נישט געוועקט קיין פאַרדאַכט...
ביז איינמאָל, כ׳זע — כ׳מיין כ׳בין נישט ביים זינען — —
איינער נאָכן צווייטן פאַרביי גייען צוגן
און עפעס אַזוינס איז אין זייער יאָגן...
ס׳גייט פאַרביי איינער...
א צווייטער...
א דריטער...
ס׳רוישט מיר אין קאָפּ אַזוווי א געוויטער

פון דעם, וואָס איך זע:
צונגען-געשפּענסטער, ווי נישט פון דער וועלט,
געפּראַפּטע מיט יידן געשוואָלענע פון הונגער און קעלט,
מיט זקנים פאַרזונקען אין שטומקייט וואָס זענען,
מיט קינדער, עופהלעך, וואָס פּישטשען און וויינען,
בעטן ביי מאַמען א פּיצעלע ברויט.
דער צוג גייט צו מזרח. זיינע אויגן — רציחהדיק-רויט.
די רעדער און שוועלן מיט גלייכגילט אויסקלאַפּן
א טיוולאָנישן ריטם קוים צו דערטאַפּן —
טויט-טויט... טויט-טויט... טויט-טויט...

דער צוג איז פאַרביי, ווי א נישט-גוטער פאַרפלויגן.
נאָך זע איך אין דמיון — אויגן... אויגן... אויגן...,
אויגן פון טאַטעס פאַרזונקען אין שטומען צער,
משוגענע אויגן פון מאַמעס, וואָס קוקן שטאַר
און זעען מער גאָרנישט.
אויגן צעשראָקענע מיט פּחד פאַרלאָפן,
אויגן ווי שפּילקעלעך מיט כיטרעקייט געלאָדן,
און אויגן מוזיקע — א טרייסט פאַר דער נשמה —
אויגן וואָס שרייען:
נקמה, נקמה!

אין קאָפּ א טומאַן...
דאָס האַרץ שלאָגט מיט האַמער —
אויך זיי — האָט דאָך געבוירן א מאַמע!
אויך זיי — האָט דאָך גאָט באַשאַפן —
שוין זשע בלויז פאַר אכזריות,
פאַר רויב?! —
ווי א צעשראָקענע טויב
צאַפּלט מיין האַרץ אין שלאָפלאָזע נעכט...

צוגן גייען איבער מיין געלעגער,
ס׳קלינגען קייטן, שווען און רעדער
מיט גיהנום׳דיקן געבראַזג...
מיינע צעשניטענע ליפּן
ציטערן מיט מיטן ריטם:
פאַרוואָס?... פאַרוואָס?... פאַרוואָס?...

ביז איינמאָל, אין סעקרעט פאַר מאַגדען מיין ווייב,
אַוועק אין שטאָט, און וואָס געזען האָב איך דערציילט
דעם עלטסטן פון די יידן, דעם פּרעזעס פון ראָט.
ער האָט מיך אויפגענומען קאַלט
דער הינטישער בראָט —
— אמת, מ׳שיקט מענטשן מיט גוואַלד —
אָבער לויטן דייטשן קאָמוניקאָט,
וואָס דאָ פאַר מיר ליגט —
נאָר אויף אַרבעט זיי ווערן געשיקט!
— וואָס — איר זאָגט: טרעמבלינקע!...
טויטן-לאַגער... געהערט פון מאַשיניסט?...
כ׳ווייס... מ׳ועט אויספאָרשן...
יעצט זאָג איך נאָך גאָרנישט!...
אָבער איר, מיין הער, אהיים גייט
צום קינד און ווייב —
און שווייגט!!
עס וועט זיין בעסער אַזוי — איר פאַרשטייט?...

ווי נאָר כ׳האָב באַוויזן צו באַטרעטן מיין שוועל,
נישט באַוויזן א קוש טאָן ווייב און קינד —
האָבן צוויי שווערע געשטאַלטן געטאָן זיך א שטעל:
— איר זייט וויבראַניעץ? — איר גייט מיט אונדז אַצינד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַן אייגענער צו אייגענע קום איך צו אייך דאָ!
אָדער אפשר — ווי א פרעמדער צו פרעמדע גאָר...
איך בין א קריסט — איר: יידן זייט,
באַזונדער געלעבט,
צוזאַמען פון שונא געליטן.
איך וואָלט אפשר אייער גורל אויסגעמיטן
אָבער אָט אין וואָס מיר גייט:
כ׳האָב מיין פליכט דערפילט
ווי א מאָנענדיקן חוב —
און נעמט אָן ווי אַן אויסקויף
מיין בלוט, וואָס איך האָב געגעבן צושטייער —
פאַר די זינד,
וואָס מיין פאָלק איז באַגאַנגען קעגן אייערם!

כ ל ה

מיין לייב רייסן צוואַנגען...
ס׳קלעפּן זיך הענט — גליטשיקע שלאַנגען...
מ׳גאַוועדט מיר אין פּנים מיט שיכור׳ן גאַווער...
מ׳הויכט מיר אין מויל מיט עיפּושדיקן אָוויר...

ווי עפּעס אַ נישטיקס מ׳באַטראַכט מיך מיט פאַרריסענער גאווה,
— א פעלד-מויד... א זונה... א י י ד י ש ע ז ו נ ה . . .
גוט געננוג קוים צו שטילן זייער תאווה —
און מיט א-נאָך-אַלעמען שפּיי נאָכדעם צו באַלוינען...

כ׳שטיק זיך אינעם עיפּוש פון זומפּיקער קויט,
קיין רגע נישט כ׳פאַרגעס ווו איך בין, און ווער,
און כ׳וואַרט אויף א נס, אויפן דערלייזערישן טויט,
דאָס איז מיין לעצטער, איינציקער באַגער!

גאָרנישט מער כ׳וויל שוין פון מיין לעבן ס׳צעטראָטענע,
וואָס איז צעבראָכן געוואָרןביים אָנפאַנג פון גאַנג,
א שאָד מיר בלויז דער חלום, מיטן ווינט אַן אַנטלאָפענער
וועגן א לעבן מיטן באַגערטן. — דאָס טוט מיר באַנג...

א סך האָב איך געטרוימט... נישט געדאַכט
אז שפּעטער, ווען מיין חלום וועט גיין ווערן א וואָר,
אז האָבנדיק דערוואַרט די חופּה-נאַכט
וועט מיין חלום — די באַגערטע שעה—
פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָשמאַר, וואָס אַן אייביקייט דויערט...
ווי רעשטלעך נאָך א שרפה באַדעקט מיט אַש-גרוי
איז מיין לעבן אין שטומען צער
אויף אייביק פאַרמויערט — — — — — — — — — — — — — — —
— —

מיין חופה-נאַכט. חשון-וועטער.
מלחמה. דייטשן. געטאָ.
מיין פרייד איז געמישט מיט טרויער.
— „בעסער פריער איידער שפּעטער" — זאָגט מיין פעטער,
„מ'ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן ברענגט" —
,זעט אוים ס'איז אויף דויער"...

אַרום שטייען נאָענטע, מחותנים; אין דער מאַמעס אויג א טרער...
דער טאַטע מיט פאַרוואורף: פאַרוואָס די קינדער זיין מצער!...
פאַרענטפערט זיך די מאַמע: כ'וויין נישט! ווער ווייגט, ווער...
דער מסדר-קידושן איילט זיך, ר'האָט מורא, געשווינדער...
ער זאָגט די ברכות, כ'טרינק פון בעכער...
מזל-טוב!... מזל-טוב!... קושערייען... שטימען ווערן העכער...
כיטאַמאָל — א שאָם!...
קלעפּ ביים שכן...
כ'ווערט שטיל ווי א קבר...
מ'רייסט אויף די טיר, ס'ליכט ווערט פאַרלאָשן,
איך ריר נישט מיט קיין אבר...
ווי דורך א נעפּל הער איך געוויינען, שאָסן;
ס'לעשט זיך מיין מוח...
אַלץ שטאַרבט אין מיר —
כ'פאַרזינק אין א טויבקייט מיט חושך באַצויגן — — —
כ'וועק זיך אין צוג,
כ'וויל נישט עפענען די אויגן...
כ'וויל צוריק זיך פאַרוויגן אין ריטמישן הוידן,
נישט קומען צום זינען, נישט פילן קיין ליידן —
נישט צוזען די שמערצן פון צווייטע...
כ'קאָן נישט פאַרגעסן דאָס פנים פון מיין חתן...
כ'קאָן נישט פאַרגעסן און כ'וויל נישט פאַרגעסן
קיין איינעם פון מיינע ליבסטע
פון מיר אַוועקגעריסן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

.......אין טאָג פון רייפקייט — דער מאַמען אַ סוד...
— „נישט שרעק זיך מיין קינד, ס'איז גאָט'ס גנאָד" —
און זי לערנט מיך, בצניעות, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן
וועגן דעם, וואָס מ'טאָר נישט, וועגן דעם וואָס מען מעג.

אַז שיין איז צו קומען אין ריינקייט צום באַשערטן;
מיט דערהויבענעם שטאָלץ, וואָס איז ווי אַ וועכטער
פאַר דער מידה פון צניעות, די אָממיינסטן באַגערטע,
די מידה די שענסטע ביי יידישע טעכטער.

אָפּט פלעגן מיר זיך טרעפן מיט נחמיה'ן אין דער שטיל,
אַלעמאָל ביז ברעגעס די הערצער פול —
ווי ביימער אין בליען, רחבותדיק באַשיט
מיט צאַרטן צוויט.

וואָס מאַכסטו דו שרה'לע?... פשוט און זיס...
אַ בליק אַ טיפער — פון אונטער דער נשמה אפער...
העלקייט אין די אויגן ווי קוואַליקער פלוס
דערפרישן מיטן בליק ווו זיי טוען אַ קער.

ער פלעגט מיך פאַרגלייכן צום פינקל פון שטערן...
צום ריח פון בלומען... צו קאַלירן די צאַרטסטע,
שפּעטער, מיט אַ שמייכל, נאָך אַ רגע קלערן —
— „דו ביסט פון דעם אַלעם די ריינסטע, די העלסטע!"...

ביים געזעגענען — אַלעמאָל שווער...
— ביז מאָרגן!... ביז מאָרגן!...
ס'ציטערט אין האַלדז אַ פאַרשטיקטע טרער,
אין וועלכער ס'ווערט אין דער שטיל, אַלצדינג פאַרבאָרגן..

אַזוי בין איך פאַרבליבן קיינמאָל נישט געקושט
פון מיין שיר-השירימדיקן, איינציקן באַגערטן.

„די ווייסע קאַמעליע" — זיין זאָג האָט געכישופט —
האָט געוואָלט ברענגען די ווייסקייט, א מתנה צום באַשערטן.

איך האָב נישט דערטראָגן מיין ווייסקייט צום ציל,
כ'בין פון בעסטיעס באַשמוציקט אין חיהשער וואַקכאַנאַליע,
דאָך טראָג איך, דאָס ריינע, טיף אין מיר — און כ'פיל —
איך בין אויף אייביק פאַרבליבן דיין ווייסע קאַמעליע...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווו ביסטו מיין ליבסטער?...
צי לעבסטו? —
און אויף יענער זייט גרענעץ ביסטו נאָך פאַראַן?...
אָדער דו האָסט אויך דיין גרענעץ אַריבערגעשפּאַנט?
זאָל איך דיך זוכן אין דער וועלט פון שאָטנס
צו וועלכער איך באַלאַנג שוין פון לאַנג?
אָדער וואַרטן?
וועסט קומען מיך זוכן באַצייטנס
און נישט לאָזן מיך וואַרטן צו לאַנג...

ווו ביסטו מיין ליבסטער?...
קום צו מיר,
לאָז מיך נישט וואָגלען אין אייביקן טרויער
באַגלייט פון א בענקעניש א שטילע,
וואָס רגע'ס פאַרוואַנדלט אין אייביקן דויער
אָן האָפנונג אויף אויסלייז,
אָן האָפנונג אויף גאולה...

כ'בענק נישט צו דיר מיט קיין ערדישע באַגערן.
מיין נשמה נאָר ווייטיקט אויף דעם פון לעבן פאַרלוירענעם גלאַנץ.
קום, מיין ליבער! לאָמיר דאָ פאַרענדיקן אונדזער ווערן...
לאָמיר אויסטאַנצן דאָ אונדזער נישט אויסגעטאַנצטן טאַנץ — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

געהאַט האָב איך זעכציק —
זעכציק פֿאַרמשפּטע קינדערשע וועלטן —

* * *

וואָס איז מיין נאָמען?...
כ׳געדענק נישט אַליין...
וואָס איז א נאָמען
אין א ים פון פיין?!...
כ׳ווייס נישט די שטאָט,
כ׳געדענק נישט די גאַס —
וואָס באַדייט דען אַן אָרט
אין א ים פון האַס?

געהאַט האָב איך זעכציק — א הונגעריקע טשאַטע!
זעכציק יתומים —
איך איינער דער טאַטע...
זעכציק פאַרמשפּטע קינדערשע וועלטן
געבוירן אין א צייט פון גורל פאַרשאָלטן!
זעכציק עופה׳לעך פון ניסקע און סמאָטשע —
זעכציק מאָל זעכציק געכפּלטע פּיינען
פרעסן און טאָטשען
דאָס צאַרטקייט פון קינדערשן גוף און נשמה.

זעכציק אין אָנהייב — שפּעטער אַלץ מינער —
דער כאָר פון די שטימעלעך ווערט דינער און דינער...
— קוקט זיך צו קינדער: דאָס איז אַן „אלף״...
— מיר ווייסן — לערער — פייכטן טרויעריקע קאַרשן —
מיר ווייסן אויף אויסנווייניק — דער סוף איז „חלף״...
מיר קענען, מיר קענען די פּרשה...

זיי האָבן געקענט...
אפילו אויך ציילן.
שנעל. מיט שרעק — און אָן געשרייען.

פון זעכציק ביז פופציק — א שפרונג זיבן מיילן —
צוויי מאָל אין וואָך א פרישע לוויה...

ווו נעמט מען אַ הארץ דאָס אַלץ צו פאַרטראָגן?
צו קוקן א שטומער עדות
נאָך רויט-אויגיקע נעכט, אין מילדע פאַרטאָגן
צו געפינען א מת נאָך א מת...?

כ׳זיץ מער קיין שבעה. מיד געוואָרן זיצן.
צו שנעל איז עס געגאַנגען —
שנעלער ווי בליצן,
וואָס שניידן די הימלען אין שטורעם-געוויטער —
נאָך איינע נישט געענדיקט — אָט זיצט מען שוין ווידער...

וואָס איז מיין נאָמען?...
כ׳געדענק נישט אליין...
וואָס איז אַ נאָמען אין אַ ים פון פיין?...
דו קאָנסט מיך רופן מיט זעכציק נעמען,
אויך מיין פּנים האָט פנימלעך זעכציק.
אַלע אין פיין
שטום און אָנמעכטיק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

געהאַט א פריינדל פון קינדערשע יאָרן.
שפּעטער, די וועגן פון ביידע פאַרוואַקסן געוואָרן.
איך — א „מלמד"
ער — א סוחר, זייד און סאַמעט...
אַמאָל אין קהילה, היינט אין „יודענראַט"
א „מאַכער" ביי די דייטשן — אַלעמאָל א „כוואַט"...

......עס ציטערט מיין קול:
— „איך בין מיט צוואנציק פון זעכציק פאַרבליבן...
העלפט — איך בעט אייך — צו טראָגן מיין עול,
וואָס איז מיר דורכן גורל געוואָרן פאַרשריבן".

מיט טונקעלן בליי פאַלט זיינער אַ בליק:
— „דאָס וואָס איר פאָדערט, איז מער ווי גענוג!
איר ווייסט דאָך — קינדער אָן נוצן...
ווילט איר כ'זאָל דערצערנען די פריצן?..."

„אַרבעט איז אַלץ, וואָס איך ברויך!
זיי פליקן פון מיר — רייס איך פון אייך...
צען קינדער ווייניקער, צען קינדער מער —
ס'איז דאָך מלחמה! — וואָס איז דער מאַלער?!...
פאָלגט מיין עצה —
זייט אַ מענטש און קומט צו אונדז!
איך בין א גוטער ברודער,
כ'וועל שטיין הינטער דער פלייצע...
קינדער-שמינדער — איר האָט נישט קיין שאַנס...
איך וועל נישט העלפן סיי-ווי-סיי,
כ'ווייס אַלצדינג, ברודער!...
איר זינגט דאָך נאָך אַלץ יענע לידער
פון פרילינג... פון מ אַ י..."

מיין בלוט האָט געשריגן:
רופט מיך נישט „ברודער"!
צו גרויס פאַר אייך דער כבוד!...
נישט אויפהערן זינגען וועלן מיר די לידער,
כאָטש מיר זענען אין קייטן פאַרקאָוועט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט מיך פאַרראַטן, אַזוי ווי ער האָט אַלעמען פאַרראַטן,
ווי פאַרראַטן עס האָבן אַלע פרעזעסן פון אַלע יודענראַטן
זייער אייגן בלוט, זייערע שוועסטער, זייערע ברידער
אין איינצל און אין הורט, לאחדים און במאה!
אין סודותפולע נעכט, צישענדיק ווי שלאַנגען, אָן גערודער
פאַר אייגענעם לעבן געטריבענע פון שרעק,
ווי זיי וואָלטן זיין חסר-דעה,
האָבן זיי נבזהדיק פאַרראַטן, געמסרט
און דעם שונא׳ס האַנט הינטיש געלעקט.

די היינטיקע יודאַשעס, די דאָזיקע הערדן
נישט פאַרשעמט ווערן. ווי קענען זיי ווערן...
זיי פילן קיין וויי און קיין קלעם,
זייערע פנימער פלאַמען נישט מיט חרטה-פלאַם,
ווען ס׳ברענט אַזוי העליש זייער אייגענער שטאַם.
קאַלט זיי בלייבן צו מחנות פון א נייער גאָלגאָטע,
זייערע פנימער און נשמות פאַרזונקען אין בלאָטע,
און פאַרדינען נישט מער — אפשר דאָס אויך נישט כדאי —
אין די פרצופים — א קרעפּטיקן שפּיי! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —



.... מיך האָט מען געדרופן חנה׳לע...

חנהלע

— ......מיך האָט מען גערופן חנהלע
נאָך מיין באָבעשי חנה.
„מיין טייערע, ליכטיקע מאַמעלע"
און מיט נאָך א סך שענערע נעמען
פלעגט מיך רופן מיין מאַמע
ווען זי פלעגט מיך אין די פרייטיקס קעמען,
וואַשן, צוואָגן
און פלעכטן בענדלעך ווייסע אין די צעפעלעך מיינע.
— „לכבוד שבת" — פלעגט זי זאָגן —
„דעם שבת צו באַשיינען"...
אָדער זי פלעגט שעפּטשען קוקנדיק אויף מיר:
— „מיר, מיין קינד, זאָל זיין פאַר דיר...
א ליכטיקן גן-עדן זאָל זי האָבן
ביסטו אינגאַנצן געראָטן אין איר,
אין מיין מאַמען, דיין באָבען".
זי ווישט אָפּ מיט אַ שמייכל א טרער
און רעדט ווייטער: „חוץ דיר, מיין קינד,
האָב איך גאָרנישט מער...
הער!
כאָטש ביסט נאָך קליין, א קינד
געדענקען זאָלסטו וואָס כ'זאָג דיר אַצינד:
ווען דו וועסט אם-ירצה-השם אויסוואַקסן,
חתונה האָבן, קינדער געבוירן,
און ווען מיין צייט וועט קומען,
זאָלסטו אויך דיינע קינדער פאַר יידן דערציען,
אַזוי ווי איך דערצי דיך,

אזוי ווי דיין באָבע האָט געכאָוועט מיך —
זי זאָל זיך פאַר אונדז אַלעמען מיען..."

דערנאָך האָט זי אָנגעטאָן דאָס שבת'דיקע קלייד
דעם טיש געגרייט,
לייכטער געשטעלט, חלה געלייגט,
אָנגעצונדן די שבת-ליכט
און שטיל געבענטשט זיי
מיט די הענט ביים געזיכט...

כ'האָב אַזוי ליב געהאַט צו קוקן
ווי די פלעמלעך פלעגן אויפפלאַמען, זיך טוקן,
און אין די שויבן פינקלען,
שפּיגלען זיך אינעם ווייַן
באַלייכטן אַלע ווינקלען,
מיין מאַמען,
מיט אַזאַ העלער שייַן...

נישט אַלץ איך געדענק,
נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען,
אָבער איך בענק, איך בענק,
נאָך די רייד,
נאָך די קושן פון מיין דערהרגעטער מאַמען!

......כ'האָב פאַרגעסן שוין באַלד
ווי עס איז געווען...
כ'געדענק בלויז
אַז ס'איז אין א פרייטיק געשען...

די בענטש-ליכט האָבן טרויעריק געפלעמלט,
שרעק איז פון די ווינקלען געקראָכן...
— דו הערסט?...
האָט דער טאַטע צעשראָקן געשטאַמלט —
— כ'הער!...
האָט די מאַמע די הענט געבראָכן —
כ'קוק צום טאַטן — זיין פנים ווערט בלאַס...
כ'וויל שרייען...
כ'קאָן נישט...
ס'דערגייען געשרייען פון א ווייטער גאַס...
די מאַמע זיצט פאַרשטיינערט...
ס'ווערט אַזוי מאָדנע שטיל...

טריט.
כ'פיל — ס'פליסטערט עמיץ צעשראָקן:
זיי גייען!...

זיי זענען אריין מיט געשרייען:
— א ר ו י ס!... אַ ר ר ו י ס!...
געשליידערט ווי מיסט פון אונדזער אייגן הויז,
מיך, מיין ציטערדיקן טאַטן,
די וויינענדיקע מאַמע —
צוערשט אַלע צוזאַמען,
שפּעטער האָבן זיי דעם טאַטעשי פאַרשלעפּט באַזונדער
און מיך פון דער מאַמען אַוועקגעריסן —
— „זי גייט מיט קינדער",
די מאַמע, מיט ליפּן פאַרביסן
האָט ווי א וואַנט געטאָן זיך אַ שטעל —
— „מיין קינד וועט אָן מיר נישט גיין!!...
— „ניין?..."
„נ יי ן?" —
האָט איינער פון זיי געלאַכט מיט גאַל —

— אונ באַלד

„נו, גוט, יודע! —

„פאַר מיר איז דאָס עגאַל... עגאַל..."

......אַזוי בין איך פאַרבליבן מיט מיין מאַמען

אונ מיר זענען ביידע געשטאָרבן צוזאַמען — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מערדער ! !
גיט מיר צוריק מיינע אומשולדיק דערהרגעטע קינדער ! !

מאמע

געווידמעט
דעם הייליקן אָנדענק
פון מיין שוועסטער יוכבד,
געפאַלן אין קאַמף מיט א דייטש
דעם זעכצנטן יולי 1942
אין „וועל־ד׳היוו״, פאַריז.

— — — „כשרן די מיל,
קאַלכן די שול,
באַזאָרגן דעם רבין מיט חרוסת...
וואַשן טישן, בענק —
און פון דעם אַלעם צו האָבן א קרענק״ — — —

כ׳קאָן מער נישט זינגען...
דוכט זיך, אַז ס׳איז געווען בלויז איין קלאַפּ...
אפשר מער... כ׳געדענק נישט... ס׳טוט אזוי וויי...
כ׳געדענק בלויז זיין שפּרונג,
זיין געשריי,
ווען כ׳בין פלינק, אין זיין צעשראָקענעם פּרצוף אריין...
כ׳זע זיינע אויסגעגלאָצטע שליפּיעס,
וואָס גיסן מיט צאָרן זיך אָן —
ער כאַפּט די ביקס לייכט ווי א שפּאָן
און טוט א זעץ מיט רציחה,
מיט ווילדן כוח...
בלויז אַביסעלע איז מיר געבליבן פון מיין מוח...
אביסעלע, קליין ווי א טראָפּן אין די ימים...
אביסעלע,
אָבער גרויס גענוג פאַר צער פון א מאַמען...

ווו זענען מיינע קינדער, די גילדערנע קרוינען,
וואָס פלעגן מיין חשבות'דיק לעבן באַשיינען?...
ווו איז זייער פאָטער, דער חבר מיינער? —
נישטאָ...
נישטאָ!...
נישטאָ פון זיי קיינער,
קיין איינער פון זיי!...
גאָטעניו, פאַרוואָס טוט מיר מיין קאָפּ אַזוי וויי...

— — — — „אויגן רויט, ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
וואָס קומט מיר ארוים פון מיין נייען?"

כ'וויל זיך דערמאָנען.
כ'קאָן נישט. קליין געוואָרן דער מוח...
אַלץ איז נעפּל... רויך...

כ'ניי — —
כ'האָב די יאָרן די יונגע,
די שפּילעוודיק גרינגע
אויף היימישער דזשיקע אויסגעשטעפּט.
מיין פאַרוויאַנעטע יוגנט,
צעדריוולטע לידער,
האָב איך אַ מידע, אין אַנגסטיקן ציטער
צום „פּלאַץ רעפּובליק" קוים דערשלעפּט.
און ווידער —
כ'שטעפּ.
כ'שטעפּ און שטעפּ,
כ'שטעפּ ווידער אריין מיין לעבן אויפסניי
שטומערהייט
אין יעדן קלייד.

כ׳שטעפּ פאַרביקע שטאָפן
רויט, גרין, געל, בלאָ,
כ׳בלענדן די אויגן מיט טרערן פאַרלאָפן,
אַלץ ווערט אַזוי גראָ...
אַלץ ווערט אַזוי גראָ...

פּלוצלינג
טוט א בלענד אַ שטראַל —
ביז די הימלען
ווערט דערהויבן מיין שפּלדיק געמיט —
צווײמאָליקע מוטערשאַפט טוט פריידיק אַ פּראַל,
מיט צוויי לעבעדיקע בלומען ווערט מיין לעבן באַצירט.

מיט א שטילן שמייכל האָט זיין עניוות באַשיינט.
ברוך מיין עלטסטער, דער ליבלינג פון אלע,
אסתר האָט געטראָגן די כישוף־קרוין פון חן
אזוי ווי ס׳טראָגט זי אין חופה־טאָג א כלה...
געהאָפט,
אויב נישט אייגן לעבן, איז כאָטש קינדערס נחמה,
איז געקומען: מ ל ח מ ה !

אָרעם־לאַטעס, געלע שטערן,
ס׳נעמט א ווילן נישט צו ווערן,
מחשבות שווערע דעם קאָפּ בייגן,
ס׳לייגט זיך טרויער אַרום די אויגן,
שפּאָט און מיטלייד אַרום עס רינגלט,
מ׳טרייסלט אויף ביי יעדן קלונג,
מ׳פילט — מ׳קוקט אויף דיר פון לויער,
ס׳דוכט — ס׳איז אָן האָפנונג,
ס׳איז אויף דויער...

עס זשומען קלאַנגען אין סודותדיק געפּליסטער
וועגן גבורות, מפּלות און נצחון באַגערטער,
ס׳רעדן פרעמדע זיך איבער ווי ברידער און שוועסטער
מיט אויגן-רמזים מער ווי מיט ווערטער.
גרויליקע נייעס און גוטע ידיעות
יאָגן נאָכאַנאַנד אין כּסדרדיקן טויש,
„די מאַקים" גייען — הערן זיך שמיעות —
ס׳צינדן זיך אויגן — „מ׳וועט שלאָגן דעם „באָש"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אינעם האַרץ פון דער וועלט-שטאָט,
אין פּרעכטיקן פּאַריז,
ניינצן-צוויי-און-פערציק,
דעם זעכצנטן יולי,
מיט אויסזען ווי קלאָשאַרן,
וועמענס בעט איז יעדער ריוו,
וואַלגערן זיך יידן
אין „צירקוס וועל ד׳היוו".
פון לאַנג אָן אַ שפּיל-פּלאַץ
פון פּראַכט-פעסטיוואַלן,
איז עס היינט געוואָרן
פון יאָמער אַ קוואַל;
פון זייטיקע געסלעך,
קוויטיקע קוואַרטאַלן,
ווערן מחנות געטריבן
צו זייער לעצטן פעסטיוואַל.

מחנות יידן פון ווייטע מקומות,
פון אַלזשיר, פּוילן, האָלאַנד, נאָרוועגן,
מיט איין לשון פון אַלע לשונות —
מיט פּחד פאַרן טויט אין די אויגן פאַרבאָרגן.

אין אַ ווינקל זיצט אַ מאַמע — אויסגעהאַקט אין שטיין,
ווי אַן אומרו וויגט זיך אַ צווייטע אין שטילן געוויין,
מיט ציטערדיקע ליפּן אַ תּפילה שעפּטשעט אַ דריטע,
אַ פערטע ליגט פאַרשטייפט ווי אויף אַ מתים-מטה.

ס׳וואַלגערן זיך נפש׳לעך — קינדער נאָך נעכטן —
מיט אַ קוש אין די אייגעלעך פאַרוויגטע צום שלאָף,
און מאַנען מיט שטילע אויגן זייער אויסקום גערעכטן
ביי נעכטיקע מאַמעס, וואָס בלאָנדזשען ווי שאָף.

וואָס וועט זיין?...
ווי לאַנג וועט עס דויערן?...
בויערן
עקבערדיקע געדאַנקען —
דריי-טאָגיקער קאָשמאַר
ציט זיך אין פּיינלעכן צאַנקען.

צוזאַמען מיטן פאָטער
איז פאַרשלעפּט געוואָרן ברוך.
כ׳בין געבליבן מיט אסתּר.
דאָס קינד איז טאָכטער און שוועסטער
אין אונדזער בראָך.

— —

דער טאָג דער פערטער. ס׳גרויט דער באַגינען.
כ׳דרייען זיך די שומרים סודותפולע, שטילע.
די שלאָפנדיקע, ווי געיאָגטע, מיט שרעק וואַכן אויף,
כ׳פילט — ס׳איז געקומען דער סוף!

די אימהדיקע שטילקייט שניידט אַדורך ס׳וואָיען
פון צערעוועטע סירענעס אין געאיילטן געלאָף —

צעשראָקן מ׳מורמלט:
— ס׳הויבט זיך אָן!... ס׳הויבט זיך אָן!...
מ׳טוליעט זיך צוזאַמען ווי צעשראָקענע שאָף,
וואָס ווערן צו שחיטה געטריבן.
אַריין מאַרשירן די דייטשן —
ס׳פאַלן
קורצע באַפעלן
ווי שניידיקע בייטשן.
מ׳שלאָגט. עס קנאַלן
טרוקענע שאָסן. ס׳פאַלן קלעפּ
מיט האַסטיק געפּויקעריי ווי איבער שויבן אַ האָגל
איבער פּנימער, קעפּ.
ס׳ברעכן אוים קלאָגן,
האַרצרייסנדיקע געוויינען — —
מיט שאַרפקייט פון אַ מעסער
קוקן די אויגן פונעם דאָקטאָר,
דעם מלאך-המות שני...
ער זייט דורך די ציינער בלויז איין וואָרט:
— אהער!...
מיטן פינגער אַ ווייז:
דאָרט! —
אהין! —
מ׳טיילט פאַנאַנדער פּאַרטיעס — מ׳ווייסט נישט וווהין...
מ׳רייסט אַוועק פּיצעלעך פון מאַמעס, מאַמעס פון קינדער,
שוועסטער פון שוועסטער מיט ברוטאַלן געפּילדער.
מ׳שלאָגט... מ׳שרייט... מ׳וויינט... אַ גיהנום אַ ווילדער.

ס׳רוקט זיך אָן אונדזער ריי — — — —
בלויז פינף — אינצווישן — נאָך געבליבן...
נאָך פיר בלויז... נאָך בלויז דריי...

נאָך איינע איז אַוועק!...
בלויז איינע, די לעצטע, געבליבן...
און אָט
זענען מיר, אין בהלהדיקער שרעק
פון הינטן אויף פאַראויס געטריבן...

כ׳בליק צו מיין קינד מיט צאַפּל,
וואָסערע וועט זיין אונדזער גורלדיקע שעה?...
כ׳בליק צום דאָקטאָר — כ׳לייען: „טויט" אין זיין שוואַרצאַפּל —
כ׳וויים — דער מלאך-המות איז דאָ!...

מיט די לעצטע כוחות גיסן זיך אָן מיינע גלידער,
כ׳נעם אַרום מיין קינד און צום האַרצן כ׳דריק צו,
צווישן די דייטשן א שטילער גערודער,
דער דאָקטאָר טוט מיט די אויגן א ברי —
ער טייטלט אויף אסתר —
אַהער!
אַהין! — צו מיר —
מיר גייעןביידע צוזאַמענגעקלאַמערט —
דאָס האַרץ צאַפּלט אין מיר — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַ באַלעם
בין איך מיטן קאָפּ אין וואַנט געפאַלן.
פלינק,
האָט א דייטש מיט רציחה צעיושעט,
אסתר׳ן געטאָן פון מיר א פליק...
שלאַנגיש צעצישעט,
האָט זיין אָטעם געציילט
יעדן בריק אין מיין בויך דערלאַנגט.

כ׳צאַנק —
מער גאָרנישט איך פיל.
אַלץ אַרום איז בית-הקברות׳דיק שטיל.
שרעק שטעלט זיך פאַר מיר דראָענדיק אַוועק —
מיין קינד איז נישטאָ...
כ׳בין אַליין!
מיינע הענט זענען ליידיק!
מיט אויגן צעפלאָטערט, אין ציטערדיקער שיין
זוך איך מיין קינד
וואָס מער נישט כ׳זע...
עס שטויסט זיך צום האַלדז א געשריי:
— מערדער!!
— הויט-שינדער!! —
וואָס ווילט איר פון אונדזערע אומשולדיקע קינדער?! —
און כ׳האָב זיך געוואָרפן אויף אים.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין קאַמף, מיין לעצטער האָט לאַנג נישט געדויערט.
כ׳בין געפאַלן.
איך האָב אָבער קיינמאָל מיין קאַמף נישט באַדויערט!
כאָטש כ׳געהער נישט צום לעבן,
כ׳בין נישט מער ווי זייף,
וועל איך קעמפן אויך ווייטער —
מיין נקמה גיב איך נישט אויף!
דעם צער און פיין פון אַלע מיינע יאָרן,
וואָס זענען אין מיין האַרץ פאַרשטיינערט געוואָרן,
וועל איך איצט לאָזן פריי!
זאָלן זיי זוכן נקמה פאַר מיין נחמה!
כ׳וועל זיי פאַרסמ׳ען מיט יעדן רייב
זייער בלוט,

זייער הויט,
ביי יעדן וואַש איבערן רייניקן לייב,
וואָס איז קוטיקער ווי קויט,
מיט יעדן שווענק —
וועל איך געבן
פון דער תוכחה א קרענק! —
ווי זיי האָבן אין א תוכחה פאַרוואַנדלט מיין לעבן!

כאָטש כ׳בין טויט. זייף. אָן פלייש, אָן ביינער.
כאָטש כ׳בין בלויז אַ שטיק פעטס פאַרגליווערטס,
מאַטעריע סאַמע —
טליעט אין מיר א פונק, וואָס לאָזט נישט פאַרגעסן,
אַז איך בין געווען מ אַ מ ע!...
א מוטער מיט אַ האַרץ, וואָס צאַנקט ווי ביי א מסוכן,
אָבער.
שטאַרק גענוג
צו מאָנען
מיין נאָכקום —
מיין תיקון!
כ׳וועל קיינמאָל נישט מאָנען אויפהערן
ווי לאַנג עס וועלן זיין
מענטשן אויף דער ערד,
אין הימל שטערן —
איך וועל זיי אייביק מאָנען ווי כ׳מאָן זיי אַצינדער:
מ ע ר ד ע ר!!
גיט מיר צוריק מיינע אומשולדיק דערהרגעטע קינדער!!

די תפילה פון די טויטע

שטייט אויף איר פאַרשניטענע אין בלוטיקן שניט,
און פליט זיך צוזאַמען מיט געפלאַטער פון פליגל —
ווי פייגל אין פרילינג — פאַרפרי פאַרן צווית,
געפאָרעמט אין טשאַטעס — עגול נאָך עגול —
צו זינגען אָן ווערטער פון די טויטע דאָס ליד.

צו זינגען אָן ווערטער דאָס ליד פון די טויטע,
פון נשמות, וואָס וואָגלען אין אייביקן טרויער —
אין אין-סוף-נאַכט — פון פאָראויס אַ געגרייטע
איר חשכות צום אומגליק צו געבן צושטייער.

מיר טראָגן זיך ווי שאָטנס אין דער נאַכטיקער שיין,
אַש-גרויע כמאַרעס געשוואָלענע מיט געוויין,
צעווייטיקט פון צער, נישט געשטילטן וויי,
מיט ברוסטן פאַרקלעמטע, מיט פאַרזיגלט געשריי.

מיט ברוסטן פאַרקלעמטע, מיט פאַרזיגלט געשריי
קומען מיר פון שייטערס, פון ריוון, פון גריבער,
פון הרובע שטעט, פון היימען פאַרברענטע —
ביחידות געשאָכטענע, געשאָכטענע בציבור
פאַר פרעמדע זינד אומזיניק פאַרלענדטע.

פאַר פרעמדע זינד אומזיניק פאַרלענדט
זענען מיר גורלדיק פון דער וועלט דאָס געוויסן —
וואָס איז שווארצער ווי שאָטנס צווישן אומהיימלעכע ווענט,
שווערער ווי ס׳בליי די קוילן צו גיסן —
צווישן אומהיימלעכע ווענט אונדז צו דערשיסן.

גורלדיק מיר טראָגן פון דער וועלט דאָס געוויסן
מיט שווערקייט פון כמאַרע, מיט שטורעם באַלאָדן —
מיר וואַרטן אויפן דונער, אויפן פייער פון בליצן,
וואָס זאָלן מיט צאָרן גערעכטן אויפזידן —

וואָס זאָלן מיט צאָרן גערעכטן אויפזידן
און מיט הייליקן פלאַם פאַרלענדן די טומאה —
עס זאָלן אויסגעלייזט ווערן די, וואָס זענען געוואָרן פאַרשניטן
אין קדושה פון זייער קרבן — מיט גאולת־האומה.

* * *

זיי ליגן אין פּאַפּירענע קברים
אין שטילן מאַיעסטאַט,
אָן אַ סימן פון קערפּער-אבֿרים,
גרויליקער סימבאָל פון אַ מענטשלעך געשטאַלט.
ביים לעבן שטיל און באַשיידן,
נאָך שטילער נאָכן טויט,
געוווינט געווען צו ליידן
עוולות, נויט —
ליגן זיי אין די פּאַפּירענע קברים
געדולדיקע, שטילע,
שוין מיט אַלץ הינטער זיך —
הוץ מיט קבֿורה
און מחילה.

אַלע חשבונות אויף אייביק פאַרענדיקט
מיט אַ וועלט, וואָס האָט מיט טומאה געאייטערט,
ליגן זיי און וואַרטן אויף דער וועלטס יום-הדין,
זי זאָל פאַר די זינד ווערן געלייטערט.

זיי וואַרטן
אויפן שאַלן פון שופר,
וואָס וועט מאָנען און רופן
צום משפט גערעכטן
פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט.
און דאָס שאַלן וועט וועקן
פון תהומען טיפע
די מענטשלעכע נשמה,
וואָס וועט ברויזן מיט צאָרן קעגן אומזיניקן מאָרד.

און דאָס שאַלן וועט שטייגן
איבער הימלען,
איבער דער ערד
געהילטע אין שוויַיגן,
און וועט ברעכן יעדן גדר,
יעדן צוים
צווישן מענטש און מענטש
אויף געלייטערטער ערד.

און דאָס לעצטע שופר-שאַלן
וועט אויפשלאָגן
בראשיתדיקע,
מיט גערעכטיקייט פולע,
קרישטאָל-ריינע קוואַלן,
וועלכע וועלן אָפּוואַשן דאָס בלוט,
וואָס האָט די ערד באַפלעקט,
און וועלן אָנטרינקען די בני-אדם,
די גאַנצע וועלט
פון עק ביז עק
מיט
אייביקן
צדק — — — — — — — — — — — — —

אַרטור זיגעלבוימען

דעם קדוש.

די קויל, וועלכע האָט דיין האַרץ דורכגעשאָסן,
אַ האַרץ, וואָס האָט געבלוטיקט פאַר מיליאָנען,
איז געוועזן געצילט אין אַ טויב געוויסן
פון אַ וועלט אַ יורד — כ׳וויים — אַזוי האָסטו דאָס פאַרשטאַנען.

האָסט אייפערדיק געמאָנט ביי נאָבעלע הארן
— מיט נביאישן פאַטאָס און ווי —יושר און צדק.
האָסט געהאָפט — וועסט אפשר ראַטעווען דיין פאָלק, וואָס באַרבאַרן
האָבן געשאָכטן אָ פ ן, אָן אַ פייגן-צודעק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווירדיק, נאָבל, האָבן זיך צעוויגט גראָע קעפּ
פון אַן אַלטן, יחוסדיקן לאָרדן-שטאַם לעצטע צווייגן,
אַרטור׳ס טויט ווערט באַערט מיט פּיעטעט —
אויף טרייסלענדיקע פיס דרימלען מומיעס אין צוויי-מינוטיקן שווייגן...

זיין האַרץ — אַ רויטע בלום — ליגט פאַרשעמט, צעטראָטן
אויף די טרעפּ פון פאַרלאַמענט, דעם עלטסטן אין דער וועלט —
אַ טראָפּן בלוט פון דער בלום האָט גליאיק זיך צעזאָטן
אין די געטאָס, וווּ פרייהייטס-קעמפער האָבן עס מיט אייגן בלוט
באַערט!

אויגוסט, 1961

יאנוש קאָרטשאַק

זיין הייליקן אָנדענק.

פון וועמען איז זיין אָפּשטאַם,
פון וועמען געירשנט זיין חסידישע תמימות?
דורך וואָסערע וועגן האָט ער געטראָגן דעם פלאַם
פון ליבע צו מענטשן, נישט באַפלעקט מיט פגימות?

ציט ער זיין יחוס פון א פשוטן פאַסטעך,
וואָס באַשיצט מיט אייגן לעבן קעגן וועלפישע רויב
יעדעם שעפעלע אין דער סטאַדע — אַלע צוגלייך —
שוואַרץ ווי די נאַכט אָדער ווייס ווי א טויב?

איז ער פון גרויסן פעסטאַלאָצי א יורש
און כפלט לערנען מיט ליבע, חכמה און פאַרשטאַנד,
צי איז ער דעריבער פון לעבן אַ פרוש
צו שענקען זיין ליבע דעם אויסדערוויילטן קינדער-לאַנד? —

די יידישע יתומים מיט טרויעריקע אויגן,
די מאָשקעס, יאַשקעס און סרולקעס,
צי קינדער יתומים פון אַן אַנדער גלויבן —
פראַנעקס, יאַנעקס און יוזשעקס...

אָט שפּאַנט ער אין געטאָ צווישן חרובע ווענט,
צוזאַמען מיט די ישראליקס צו זייער לעצטן וועג,
און טראָגט ווי אַ פאַסטעך אַ שעפעלע אויף די הענט,
וואָס ציטערט און טוליעט זיך צעטרייסלט פון שרעק.

ער גייט ווי אַ לערער, אַ פּאַסטעך, אַ טאַטע,
מיט אַ דרייפאַך צעבראָכענער, צעוויטיקטער נשמה,
און טראָגט ווי אַ קאָמפּאַס-פאַן די געלע לאַטע,
וואָס וועט פירן צום אויסלייז דורך נקמת-דמים.

מיט שטאָלענעם ווילן איז זיין בליק פאַרשמידט
און טויט מיט בלויען פלאַם אַ פאַרגיי,
ווען ער שפּייט אויף די רוצחים: „אויך איך בין אַ ייד!" —
און גייט מיט די קינדער דאָרטן ווו זיי...

אויגוסט, 1961

די עקידה

אין אַ פֿריִען פֿרימאָרגן
נאָך פֿאַרן שפּראָץ פֿון טאָג,
ווען ס׳איז נאָר וואָס געוואָרן דערוואָרגן
דער לעצטער, וויינענדיקער געקלאָג
פֿון שאַקאַלן, וואָס לויפֿן פֿונעם באַגינען
מיט געוווי ווי געשלאָגענע הינט,
צוזאַמען מיטן חושך ערגעץ־ווו צו אַנטרינען
פֿאַר זייערע בייזאַכטיקע זינד —
ווען ס׳האָט ווי אַ פֿליסטער, צאַרט און שטיל
אַ בלאָז געטאָן דער פֿרימאָרגן־ווינט —
האָט אברהם צו די זאַמדן קילע
פֿרום דעם קאָפּ געבויגן,
און מיט גרויס כּוונה אין די געשלאָסענע אויגן
זיין שחרית־תּפֿילה
אָנגעהויבן זאָגן —
דערווייל, שטאַרבט אויף די בלאַסע לבֿנה
בנשיקה,
די זון נעמט ירושה — איר חלוקה —
ס׳הויבט אָן טאָגן.

באַלד נאָכן דאַוונען איז אברהם דער אַלטער
מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, פֿול מחשבֿות שווער,
מיט פֿאַמעלעכע טריט, מיט שווערע הענט,
ווי ער וואָלט טראָגן פֿולע מילך־קאַנען,
טאַפּטשענדיק פֿאַרלוירן צווישן אייגן־היימישע ווענט,
זיין אייזעלע געגומען שפּאַנען.

דערנאָך האָט ער שטיל, זיפצנדיק,
זיין זון פון שלאָף געוועקט,
און צוואָרפנדיק שרה'ן אַ בליק פול מיט שרעק
איז ער, בגנבה, מיט יצחקן פון הויז אַוועק.

גייט זיך אברהם, דער ראש פון א שבט,
דער גאָט-זוכער און זעלבסט דערקענער,
א׳נעם שטילן פרימאָרגן, פון זיין היים אין באר-שבע
צום הר-המוריה זיין זון צו פאַרברענען.

פאַרטראַכטערהייט,
דאָס אייזעלע ער טרייבט,
וואָס קלאַפּט מיט דראָבנע טריט
איבערן זאַמדיקן וועג.
ער בליקט צו יצחקן,
ווי ער שפּאַנט לעבן אים אָן סימן פון שרעק,
מיט אַ פּנים א רואיקס, ווי עפּעס פאַרקלערט.
און ער טראַכט, אברהם, ער טראַכט
— נאָכטראַכטעניש נאָך פון ביינאַכט
האָט ער דאָך אַ חלום געהאַט,
אין וועלכן זיין אויסדערוויילטער גאָט
האָט צו אים געזאָגט מיט געבאָט:
— „כ׳בין מיט ציגן זאַט
און מיט לעמער,
וואָס דו ברענגסט פאַר מיר —
איך קען דיך, אברהם, ביסט נגידיש-ברייט,
דאָס מאָל
פון יצחק׳ן, דיין זון
אַ קרבן מיר גרייט" —

גייט אברהם און טראַכט,
טראַכט און גאָרנישט ער פאַרשטייט —
וואָס וויל אלהי?
ער ווייסט דאָך באַשייד,
אַז צו זיין אייגן קינד איז יעדער פאָטער געטריי —
וויל ער אים פרווון — וויי! —
צי איז נישט עפּעס א שינוי
געקומען אין זיין אמונה?!

ווי זאָל ער פאַרשטיין?...
ער האָט דאָך בחוש געהערט
מיט זיין אינערלעכער שמיעה:
— „אברהם, אברהם,
גיי אויף צום הר-המוריה
אָן א לאַם אָדער א רינד,
און אויב דו געפינסט נישט קיין קרבן א גרייטן
א ציג, א קאַלב, אַ שטיער —
ברענג נישט קיין קרבן א צווייטן,
נייערט פאַר מיר
זאָלסטו ברענגען פאַר אַ קרבן דיין קינד!"

ציטערט דאָס האַרץ ביים אַלטן טאַטן.
פאַרן קינד עס ציטערט
און פאַר גאָט —
אָבער אברהם א טיפן גלויבן האָט,
אַז זיין אויסדערוויילטער אלהים,
דער באַשעפער פון כל הברואים,
וואָס פירט די וועלט מיט חכמהדיקן דין
איז אויך מיט רחמים פול — —

און געבויגן טיף האָט ער דעם קאָפּ פאַר אים
און פאַרן גרויסקייט פון זיין ווילן —
נישט צו חשבונען צופיל — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלע ווייסן דאָס פון חומש ווייל
אַז ע ק י ד ה —
אַפילו
מיט קדושה און תפילה
איז גרויל!
אַז ווען אברהם צום באַרג זיך געהויבן
האָט
און געהאַט מיט זיך אַלץ —
דעם קרבן, דאָס מעסער, פייער און האָלץ,
און אויך אַ פעלדזן-פעסטן גלויבן
אַז אַזוי ווי ל גאָט —
איז נישט אַזוי סתם
א נס געשען מיטן בראשיתדיקן ראָם —
אַז געוועזן צו דער מעשה דער שליסל
און איר טיפער מוסר:
דער קרבן יצחק און זיין פאָטער אברהם
זאָלן אַרויס פון פרווו אָן א פגם — —

עס זענען געוועזן גוטע, אַלטע צייטן
מיט מעשהלעך גרויסע און שיינע,
ווו אלץ האָט זיך געענדיקט בכי-טוב —
קאָן מען האָבן אמונה אין די צייטן נייע
מיט אמתע עקידות פון יצחקלעך קליינע,
מיט מעשהלעך מיט אַ גרויליקן סוף? —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען צוזאַמען מיט די יצחקלעך,
וואָס זענען געגאַנגען
מיטן עלנט אַלם שפּילצייג,
זענען אויך געגאַנגען די אברהם׳ס,
די צעטרייסלטע טאַטעס,
זענען אויך געגאַנגען די שׂרה׳ס,
די פאַרחושכטע מאַמעס,
זענען מחנות געגאַנגען געטריבן צוזאַמען,
די קערפּערס פאַרהונגערט, געוויקלט אין שמאַטעס,
נשמות געפּייניקטע אין יסורים־פלאַמען.

א פאָלק איז געגאַנגען אכזריותדיק געפּייניקט,
א זעקס מיליאָן קעפּיקע עדה —
פאַר אַ קרבן געפירט — צום שונא׳ס תענוג,
פאַר מאָדערנעם בעל, צו אַ נייער עקידה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וו נעמט מען אמונה אַזוי ווי דער אַלטער אברהם,
וואָס האָט טיף אין האַרצן געוואַרט אויף א נס —
אַז מען זאָל נישט דאַרפן פרעגן דעם בורא־עולם
א נישט פאַרענטפערטן פאַרוואָס?...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

1960

שמונה עשרה לחופה

צום אכצנטן יאָרטאָג
פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

פאַראַן אַ זאָג:
„שמונה עשרה לחופה"
טאָ קלאָג, יידישע מאַמע,
קלאָג אויף דיינע עופה׳לעך,
וועלכע וואָלטן זיין איצט אַכצן
און צו חופה נישט דערלעבט.
יאָ, כ׳ווייס
זיי זענען דאָך לעבעדיק פאַרוועבט
און אויסגעוואַקסן
אין דיין דמיון — טויטערהייט!
דו רעדסט מיט זיי טאָג און טאָג
מיט זייער קינדיש לשון ווי אַמאָל, אמאָל
און אין האַרצן טוט אַ נאָג:
„ס׳וואָלט שוין זיין נאָך דיין בר-מצוה
און אפשר נאָך תנאים גאָר".
דו שטרעקסט די הענט — מען מיינט נאָך קצבה,
זע,
דו טראָגסט אין זיי אַ מאַמעס טרער.

פרעג —
וויפיל וואָלטן שוין געוועזן חופות,
ווען עס וואָלט געלעבט יעדעס קינד —
נעכטן — היינט — אפשר גאָר אַצינד
ווען נישט די קופעס
שוואַרצער אַש —
שוין אויך צעבלאָזן מיטן ווינט...

מאַמע,
די טרער אין מערדערס פּרצוף וואַרף
דיין האַנט זאָל ווערן פריי פון קלעם —
האַלט זי גרייט
ווי א שווערד די שאַרף
פאַר שווערער שעה פון קדושת־העם —

דערוויַיל,
שטעל די קינדער אויס אין רייען,
אין א טויטן־מאַרש, יעדעס צו זיין מין,
דו ווייסט — א מ י ל י אָ ן געווען —
זע, ס׳זאָל אַפּילו איינס נישט פעלן!...
זאָל די מיליאָנען מחנה
אַכצן־יאָריקע
טויטע עולים
מיט שטילע טריט דערגיין אַהין,
צום בית־המשפט, קיין ירושלים —
ווי א צד דאָרט זיך שטעלן
און מאָנען —
פאַר ר צ י ח ה —
ד י ן!

מערץ, 1961

על נהרות פוילן

מיר,
פונקען לעצטע,
רעשטלעך פון א שייטער,
וואָס האָט געפלאַמט
על נהרות פוילן,
מיר,
די שארית-הפליטה
פון נישט דערברענטן פאָלק,
טראָגן איבער וועלט דער ברייטער
קאָשמאַרן
פון פאָנאַרן, באַבי-יאַרן,
די גרוילן
פון תוחכה פוילן.

מיר,
צעזייטע,
וועלן קיינמאָל מער נישט זיין צוזאַמען.
מיר,
נישט דערברענטע קוילן,
וועלן
אייביק פלאַמען,
גליען,
ברענען
און נישט דערברענען
ווי דער סנה — — —
מיר טראָגן אין זיך
די קדושה פון ברענען

פון אייביק געהייליקט
מיט דער שענדונג פון טמאהדיקע צינדער,
מיט קדושה
פון פאַרברענטע קינדער,
מיט מטורפ'ער שנאה פון צעהוליעטן כ א ם,
מיט אייביקער קדושה
פון קידוש-השם
והעם.

מיר
פונקען לעצטע,
שארית-הפליטה,
צעזייטע
איבער וועלט דער ברייטער.

אויגוסט, 1961

לעצטער קעמפער

אָ, פאָלק מיינס!
אויסגעלאַכט, פאַרמיאוסט, דערנידעריקט,
געשאָכטן, געהאָנגען, געברענט!
אויף דיין האַלדז געטרעטן ביזן ווערן דערשטיקט,
דיינע טעכטער, דיינע הייליקייטן געשענדט!

דורותדיקער קרבן פאַר פרעמדע זינד,
שטענדיק באַגזלט די פראַצע פון דיינע הענט, —
שפּאָט-ציל פאַר שונאים מיט שנאה פאַרבלענדט,
ווי לעפּראַס פאַרשטויסן הינטער געטאָ-ווענט!

אָ, פאָלק מיינס!
געטרעטן ווי מיסט, אויף שטויב צעריבן,
אייביקער וואַנדערער פון אומעטום געטריבן —
דיינע כוחות זאַמל איין! דעם רוקן גלייך אויס —
קעגן באַצווינגער אין קאַמף גיי אַרויס!

גענוג שוין באַליידיקט, געטריבן, פאַרשניטן!
נישט פיל זיך דערנידעריקט פון שונא׳ס שפּאָט!
נישט דו ביסט די שפּאָט—נאָר די, וואָס האָבן אויף רשעות פאַרביטן
דעם צלם-אלהים באַקומען פון גאָט!

* * *

ווי א זון א געטרייער בין איך שטאָלץ מיט דיר
וואָס דו פאַרשטייסט צו קעמפן פאַר אייביקע ווערטן —
באַשיינט און באַלויכטן זיי האָבן אַלץ אין מיר
ווען געקעמפט כ׳האָב אויף חורבות פון אונדזער לעבן צעשטערטן.

ווען געקעמפט כ׳האָב אויף חורבות פון גאַסן און הייזער,
אויף חורבות פון לעבנס רשעותדיק צעטראָטן —
צו זיין צוגלייך קרבן און אויסלייזער
אין א מורא׳דיקן קאַמף פון ליכט קעגן שאָטן!

קוק מיט פאַראַכטונג אויף זייערע הענט די בלוטיקע,
וואָס מסוגל נאָר זענען צו מאָרד און גזלה —
האָם זיי מיט שטאָלץ, ווי מענטשן מוטיקע,
וואָס מיאוסן זיך מיט מאָרד אַזוי ווי מיט נבלה.

אויב אויך מיינע הענט זענען מיט בלוט באַדעקט,
דאַן בין איך נישט דער אויף וועמען דאָס בלוט פאַלט!
דאָס איז דער שונא, וואָס מיין בלוט האָט געגאַרט —
און צו אים איז מיין האָס, מיין שנאה אָן אַ ברעג
פאַר צעשטערן מיין רואיקע, שלווהדיקע וועלט!

1960

לערן זיך, קינד, דיין יידיש לשון

לערן זיך, קינד, דיין יידיש לשון,
ס׳זאָל נישט ווערן דער פונק פאַרלאָשן
וואָס פאַרבליבן נאָכן חורבן
פון דיין פאָלקס מיליאָנען-קרבן.

א מיליאָן קינדער — זאָלסטו וויסן!
זענען אומגעקומען אין די פלאַמען —
זייער לעצטער אָטעם דורכן טויט צעריסן
האָט אין יידיש אויסגעכאָרכלט: מ אַ — מ ע...

כדי נישט פאַרגעסן זאָלסט דאָס בייז
הזר איבער ווי אלף-בית
אות ביי אות, נקודה ביי נקודה,
די גיהנום לעקציע, פונעם אויפשטייג ביז ירידה.

זאָלסט יעדעס יאָר אין פסח-נאַכט
דערמאָנען המן-היטלערס שווארצע מאַכט,
צוויי הגדות זאָלסטו דערציילן —
יציאת-מצרים און חורבן פוילן —

פון „עבדים" ביז „חד-גדיה"
פונעם לעצטן בלעטל אין דער הגדה —
און איידער דו וועסט פון טיש אַוועק
זינג: „זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג!"

פעברואר, 1962

* * *

עס איז קיין טרער פון מיין אויג געפאַלן
אויף דעם קבר פון מיין עלטסטן,
ווען כ׳בין צום לעצטן מאָל געקומען
צו זאָגן — כ׳גיי פונדאַנען.

די זון האָט גלעטנדיק געשיינט
און געזאָגט צו מיר: — ווייַן נישט!...
— א שטראַל האָב איך זיך אויסגעוויינט
פון דעם, וואָס כ׳האָב דאָרט געזען...

דער הימל האָט ווייך געבלויט
און געזאָגט צו מיר: — ווייַן נישט!...
— איך בין געוואָרן אַשיק-רויט
פון דעם, וואָס ס׳איז דאָרט געשען...

אין טיפער בית-הקברות שלווה
האָט אַלץ גערוט —
אויף מיין האַרץ
האָט ווי א קבר-שטיין געשטומט.

כ׳געדענק גוט
דעם אַוועקגיין-טרויער אין זיינע קינדער-אויגן
צום לעצטן מאָל געשפּיגלט אין שפּיטאָל-שויבן,
כ׳געדענק גוט
דעם צער פון האָבן הענט,
וואָס קאָנען בלויז פאַרקוועטשן זיך אין פויסטן,

כ׳געדענק גוט
די בייזע „טרייסט״-רייד:
— „אויף די פראָנטן שטאַרבט מען איצט אין די טויזנט״
כ׳געדענק,
אָ, כ׳געדענק
דעם שפּיטאָל-דינערס פּיס פאַרקרייצטע,
זיין „מאָליטווע״ אָפּגעפּרעפּלט מיט אויגן פאַרגלייזטע,
כ׳געדענק
מיינע שפּעטערדיקע קדישים שטילע,
פאַר מיין האַרץ א לייטערנדיקע טבילה.

קינד מיין ליבס,
זיי מיר מוחל,
וואָס ס׳איז קיין טרער פון מיין אויג געפאַלן!
פון מענטשן-מיילער,
פון זון, פון הימל
א מעשה האָב איך געהערט דערציילן —
א מעשה
גרויליקער ווי א מצבה-שטיין!

דעריבער, קינד מיינס,
האָב איך נישט געוויינט,
כ׳האָב געטראַכט:
„ביסט אויף מאַמעס האַנט געשטאָרבן״
„מיין קרבן״ —
„צו קליין״...

מערץ, 1962

טריבע הימלען

וואַרשע, שטאָט פון מיין געבוירן

וואַרשע,
שטאָט פון מיין געבוירן,
דו ביסט מיר פרעמד געוואָרן!
כ׳האָב דיך געזען
נאָך שרפה-יאָרן
אין חורבות אַ צעשיטע —
ביסט פרעמד געוואָרן
צו מיין זכרון
מיט פרעמדקייט פון א נאָענטן
אויף דער טויטן-מטה.

הינטער דיינע שטיינער
ליגט באַגראָבן
מיין קינדהייט,
מיינע טרוימען,
מיינע וואָרן
צוזאַמען מיט די ביינער
פון יענע טייערע,
וועלכע האָבן נישט אויסגעלעבט
זייערע יאָרן.

שפּעטער,
האָט מיין בענקשאַפט
אַהינצו מיך דערטראָגן,
ווו כ׳האָב דערזען די זונענשיין
פון מיין פרימאָרגן.

כ׳האָב געזען
נייע הייזער, גאַסן,
און נייע מענטשן,
וואָס טרעטן אויפן ברוק
פון בלוט נאָך נאַסן,
וואָס טרעטן אויף מיין קינדהייט,
מיינע טרוימען, וואָרן,
אויף די ביינער פון יענע טייערע,
וועלכע האָבן נישט אויסגעלעבט זייערע יאָרן —
און עס זעט נישט פון זיי קיינער,
אַז זייער זונען־שיין
איז געבויט אויף פרעמדער פיין.

ביסט מיר פרעמד געוואָרן
וואַרשע, שטאָט פון מיין געבוירן!...

מערץ, 1961

עלנטע גאַסן

קאָלינגווּוד, פּיצראָי,
מעלבורן „נאָרט” און „סאַוט”,
פאַראייניקטע אימפּעריע
פון גלאָררייכער נויט —
מיט דחקות-שטעמפּלען
שפּאַן-ביי-שפּאַן
אויף אַלץ און אַלעמען,
וואָס דאָרט פאַראַן.

אויף ראַכיט פון קינדער,
אויף בלאַסע בלומען,
אויף פאַרוויאַנעטער יוגנט
פון יונג-פרויעשער שיינקייט,
וואָס בליט אויף, צערינט
אין געצוווּנגענער אומריינקייט,
אויף בלינדקייט פון זקנים
און האַלב-טויטע קעץ,
וואָס וואַרעמען זיך ווי שאָטנס,
נישט נויטיקע קיינעם,
אויף צעבראָכענע טאַראַסן
פון דיינע עלנטע גאַסן
פאַרשפּונען מיט זאָרגן
פון אביון׳ס געזעץ.

טיילמאָל,
ווען ס׳פאַרפירט מיך אַהינצו מיין שפּאַן
און כ׳זאַפּ איין דער עלנטס

פאַרסמטע געראָכן —
טויכן אויף אין דמיון מיט מאָנענדיקן דערמאָן
ווי מיט כישוף-שפּרוכן,
פֿון סמאָטשע,
פֿון פּיעפּזשאָווע,
קעלערן נאַסע,
וואַרשעווער און לאָדזשער
עלנטע גאַסן,
וועלכע כ׳האָב אַזוי גוט פֿון מיין קינדהייט געקענט —
איצט פֿאַרברענט —

כ׳פֿאַרגלייך די גאַסן פֿון היינטיקן וואָר
מיט די אַנדערע,
פֿאַרגאַנגענע אָן שפּור —
דאָרטן — הייזער מאַמוטן,
דאָ — הייזלעך ליליפּוטן,
די עלנט —
די זעלבע,
די זעלבע. — —

מאַי, 1961

טרויער פון דער גרויסער שטאָט

אינעם ליאַרעם,
אינעם גליטער פון נעאָן-בליצן,
אינעם קאָכעדיקן טאַראַראַם,
אינעם גדלות פון די קלויסטער-שפּיצן,
אינעם כוואַליענדיקן ים
פון טויזנט-קעפּיקע,
טויזנט-אויגיקע המונים,
אינעם געאייל פון רעדער
וואָס לויפן איבער עוועניוס, גאַסן,
אינעם געשריי פון פּלאַקאַטן
וועגן
מאָרדן,
פאַרראַטן,
אינעם ווילדן טומל,
משוגענעם געווימל
— פון גרויסער שטאָט
ליגט פאַרטייעט
טיפער אומעט,
וואָס וואַרגט
— אין האַלדז ווי אַ קנופּ

אומעט
פון פאַרשטויסענע,
וואָס וואַנדערן ווי היימלאָזע שטוביקע חיות,
פון אייליקע,
איינזאַמע לוויות,
פון בלאָנדזשענדע אויגן מיט פינקלדיקער טרער,

וואָס פֿאַלט טרוקן אַרונטער
און לאָזט דעם בליק
ליידיק,
לעער,
פֿון מענטשן
געטריבענע פֿון אינערלעכן געשריי
צו געבן
דער צייט
א להכעיס'דיקן
שפּיי —

אומעט
פֿון צאַפּלדיקע נייעסן,
רגע'דיקע בליצן,
וואָס פֿלאַמען
אינעם לויפֿנדיקן היינט
מיט טויזנטער ליכטער
אין זייער גלאָררייכן מאַרש,
צו בלייבן
אויף צומאָרגנס
פֿאַרוויאַנעטע שטיקלעך געשיכטע,
וואָס וואַרטן אין רינשטאָק
אויף דעם גאַסן-קערערס באַרשט. —

אומעט
פֿון מיראַזשן
געקויפֿטע פֿאַר גראָשן
אויפֿן ראָג פֿון גאַס,
אומעט
פֿון פּראַכטפֿולע זאַלן,

ווו קושן אויפֿן לייוונט
ווערן געמאָסטן צום טאַקט פֿון דזשאַז.
אומעט פֿון טעאַטער-טירן
קאַלטע,
שטום-געשלאָסענע נאָכן לעצטן אַקט,
לעצטן טרעל —
אומעט פֿון הייזער,
וואָס גלאָצן מיט פֿענצטער
אין ביינאַכטיקער שטומקייט
ווי א גולם׳ם געשטעל. —

אומעט פֿון המונים
וואָס בענקען נאָך צעשטריי,
נאָך פּיין ביז ווײ,
נאָך שינוי,
טויש,
פֿון דעם צעבלאָזענעם גערויש
פֿון שטאָטישע גאַסן — — —

1960

צו מיין שוואַרצן ברודער

זאָג מיר, מיין ברודער! —
וואָס טיילט אונדז פאַנאַנדער?
זאָג מיר, מיין ברודער! —
וואָס בינדט אונדז צוזאַמען? — —

געזויגן די ברוסט נישט פון איין מאַמען,
די זון האָט פאַרשידן אונדזערע הויטן באַפאַרבן —
דאָך אַן ענלעכער גורל פאַרבינדט אונדז צוזאַמען,
ווען רשעותדיקער שונא צווינגט אונדז צו שטאַרבן.

דיך האָט מען פאַרוויגט אין טומל פון שלאַכטן
מיט קלאַפּן אין פּליצע צום טאַקט פון „טאַם-טאַמען",
מיך האָט פאַרוויגט אין שטילע פאַרנאַכטן
דאָס „גאָלדענע ציגעלע" — געזונגען פון מיין מאַמען —

פאַרשידן די וועלטן, אַנדערש די געטער
מיט וועלכע מיר ביידע זענען געוואַקסן באַזונדער,
מיט סודות פון דזשונגל, אין שאָטן פון בלעטער
ביסטו געוואַקסן ווי זאָרגלאָזע קינדער.

אין ענגשאַפט פון געטאָס בין איך געוואַקסן —
מיט עילושער שאַרפקייט פון אַ מוח אויף וווּנדער,
אין עלנטן הפקר פון שטויביקע גאַסן,
ווי עס וואַקסן געוויינלעך פאַרשטויסענע קינדער.

דו ביסט ווי רוי-ערד מיט שוואַרצקייט געזעטיקט
וואָס געדייט און יוירט מיט ברכה פון געראָטן —
מיט ווייס-שוימיקן האָס זענען דיינע שונאים באַוועלטיקט
וואָס גאַרן און רויבן די פרוכט פון דיין גאָרטן —

איך האָב געלעבט מיט עקשנות פון פלאַנצן
וואָס ציען יניקה פון א שטיינערנעם באָדן —
מיט בלוטיקע טרערן איז מיין ברויט באַזאַלצן
פון ק נ א ה און שנאה אין פּאָגראָמען צעזאָטן.

איך רוף זיך איבער
מיט דיר, אָ שוואַרצער,
פון ווייסע תלינים געפּלאָגטער,
ווי א ברודער מיט א ברודער —
ווייל איך, כאָטש א ווייסער, בין אויך א געיאָגטער
פון געמיינזאַמען שונא,
וואָס שרפהט און גליט
מיט ווייסן האַס צו דיר —
מיט שוואַרצער שנאה
צו מיר,
ווייל איך בין א ייד! —

דעריבער רוף איך זיך איבער
מיט דיר,
געררודפטער ברודער מיינער,
מיט פלאַמיקן רוף פון מענטשלעכע ליידן,
ווי מענטשן,
וואָס ליידן האָט זייער גורל פאַרבונדן
אַמאָל,
אַצינדער,
און באַהעלט דעם ווילן פוןביידן —
צוזאַמען די כוחות קעגן שונא אויסשפּילן
ווי צו פאַלן,
אָן קאַמף
יעדער באַזונדער — — — —

1960

משה׳ס צוריקקער

יעדן פרייטיק, ערב שקיעה,
בלאַנקעט אַרום קרוא, בלוא,
א פאַרלוירענער אין איינזאַמען וואַלד,
אַן אויסגעמאַטערט יינגלש געשטאַלט.
ס׳רוישן צעפּעכערטע, שווערע קרוינען,
הויבן זיך גדלות׳דיק, אַ געפלאַכטענער דאַך,
איבער שטאַמען גאָלדיק-ברוינע,
ווי איבער א סוכה יונג-גרינער סכך.

ס׳רוישט דער וואַלד טרויעריק, אומהיימלעך,
פון ווינטלעך צעוויגט אין בין-השמשותדיקן בלאָ,
אין פחד שאָקלען זיך אַלטע דעמבעס, יינגעביימלעך,
ווי צעשראָקענע קינדער פאַר ביינאַכטיקע שעה.
עס גלעט אים די טריט גרין-ווייכער סאַמעט,
מיטן לעצטן גאָלד איז זיין פּנים באַהעלט,
שבת-ניגונים פול בענקשאַפט און אומעט
באַגלייטן אים ווי פייגל פון א נישט-דאַאיקער וועלט.

פאַרדמיונט ער זינגט מיט זיין טאַטן אין כאָר,
דעם חזן-שוחט אין דער היימישער שול,
עס זינגען מיט נאָך יינגלעך אַ פאָר
צו קבלת-שבת אַזויווי אַמאָל.
פייערלעך קלינגט דער קידוש איבערן פינקלדיקן ווין,
מעדנים׳דיק שמעקן די שבתדיקע פיש,
שבת-מנוחה איז פאַרשפּינען אין גילדענער שיין
פון זיוו-השכינה, וואָס רוט ביים טיש.

ס׳צעוויגן זיך מתיקותדיק רויט-גאָלדיקע פעכער,
ווי אַ ווייסע טויב שוועבט זיין „לקראת-כלה״,
מיט צעקלונגענעם זילבער ברענגט אים דער עכאָ
דעם וואַלד׳ס מתנה — ברכות פון אַלע —
פון אַלטע דעמבעס, מיושבדיקע זקנים,
וואָס שאָקלען מיט די קרוינען און באַדויערן אין דער שטיל
די ליידן פון טויזנטער פאַרשלאָסן אין דעם איינעם —
אַ זעמדעלע געפאַלן צווישן שטיינער פון מיל.

פון צאַרטע ביימלעך, ווי ער נאָך יינגע,
מיט ווייכקייט אין באַריר פון אַן אָפן האַרץ,
מיט סאַמעט-בלעטער ווי אויגן צו טרערן גרינגע,
מיט אַ טרער פאַר פרעמדן ווי פאַר אייגענעם שמערץ.
פון וואַלד׳ס גערויש, וואָס זינגט אין די בלעטער,
פון פישטשענדיקע נעסטן פאַרפלאָכטן אין צווייגן,
פון וואַלד׳ס נשמה — דער כישוף-געטין,
וואָס טרויערט פאַרדמיונט אין שאָרך און אין שווייגן.

פאַרקלונגען דער עכאָ — צערינען די שיין.
דער וואַלד שרעקט מיט חושך — אין פחד איז זיין נשמה.
אַוועק איז דער שבת — נישטאָ מער קיין היים...
די וואָר איז — הונגער — ווי אַ ביטערע חרמה...
דאָס איז זיין „שבת״ יעדן פרייטיק פאַרנאַכט —
איינזאַם געפּראַוועט — צו אַנטלויפן פון זיך,
פון אַרומיקן עלנט, וואָס אין פאַרלוירנקייט שמאַכט
אַן אַ שיין פון האָפנונג אויף אויסלייז פון יאָך.

געקומען אַ פרעמדער פון אַ פוילישער שטאָט,
פון בהלה געטראָגן אין מלחמה-געוויטער,
ווי ס׳טראָגט זיך פאַרלוירן אַ האַרבסטיקער בלאַט
אין ווירבל פון ווינטן מיט אימה און ציטער.

באַטש די זעלבע יאָדלעס, בעריאָזעס און ליפּעס,
דאָס בלויקייט פון הימל, דאָס ווייסקייט פון שניי,
דאָך איז עס אַנדערש, און עפּעס
נאָגט ביים האַרצן מיט שטילן וויי.

אין בענקשאַפט נאָך נאָענטע, נאָכן היימישן בעטל
וויטיקט זיין נשמה מיט טרויעריקער נגינה,
ווען ס׳צעגיסט זיך זיין האַרץ מיט „סלוצק מיין שטעטל״
ווײנט מיט אין זיין טרויער די ליידנדע שכינה.

וואָכן באַטריבטע ווערן חדשים,
פאַרגייען אין געראַנגל צווישן בענקשאַפט און געזאַנג,
צעוויטיקטע הערצער הערן אים אויף חידושים,
שענקען אים א טרער — דאָס גרעסטע געשאַנק.
הונגער און בענקשאַפט א חברותא א בייזע
באַפאַלן אים ווי וועלף, פאַרפאָלגן זיינע טריט;
ס׳נעמען טונקלען די אויגן, בלינצלען און גלייזן,
ווי שוואַרץ-אַפּל ביי בלינדע אין שאָטנס געהילט.

ס׳איז אַנטרינען די לאַסט פון טעגלעכע נויטן,
ס׳שרפה׳עט זיין מוח אין פיבערדיקן געפילדער,
ס׳צאַנקען און פלעמלען אין צעקאָכטע בלוטן
גליאיקע ליכטער — היימישע בילדער.
דאָס ווייסקייט פון קישן ווערט שניי אויף אַ פעלד,
ער טאָפּטשעט פאַרלוירן נאָך א שאָטן, וואָס פאַרשווינדט,
ער זוכט אים מיט צער אין א משוגענער וועלט,
וואָס האָט דערהרגעט די מאַמע און פאַריתומט דאָס קינד.

ווי אַ פרילינג-ווינטל גלעטן אים אויגן
מיט טרויער פולע און ליבשאַפט — זיי וואַכן
אונטער ברעמען מיט זאָרג פאַרצויגן,

אַז דאָס לעבן, וואָס לעשט זיך זאָל צוריק אויפוואַכן.
מאַרוסיאַ די „שוועסטער". זי האָט קיינמאָל פאַרמיטן
צו הערן אים זינגען אַזוי ווי אַלע.
ס'פלעגן זיך בייטן אין איר פּנים די בלוטן
ביים שפּאַטישן רופן: „העי, זאַפּיעוואַלע"!...

— —

שטילער פרימאָרגן. ס'זענען נאָרוואָס אַנטרינען ביינאַכטיקע שאָטנס
פון דער העלקייט ווי פון שונא געטריבן —
די רעשטלעך, צעשלאָגן האָבן אין פעלד און אין גאָרטן
הינטער שטיין, הינטער קוסט אין שרעק זיך פאַרקליבן.
דער טונקעלער וואַלד צעצינדט זיך מיט פלאַמען
פון יינגן גינגאָלד אויף זיינע שטאָלצע קרוינען,
און שוין ברענען צוזאַמען מיט די קרוינען די שטאַמען,
וואָס ציען זיך אין דער הייך, צו זוניקע רוימען.

פון ערגעץ ווו הערט זיך דאָס וואָרקען פון טויבן,
ס'צוויטשערן פון א פויגל אויף א באַהאַלטענער צווייג,
די זון לעקט דעם מוי פון די פאַראָסעטע שויבן
און ביים קראַנקן צוקאָפּנס מיט שלווה זיך לייגט.
עס וואַנדערט דער קראַנקער אויף די שטעגלעך פון טרוים
וואָס לויפן זיג-זאַגיק ווי אין א פאַרכישופטן לאַבירינט —
מאַרוסיע איז צוזאַמען מיט אַלע אינדערהיים,
עס שמייכלט די מאַמע: „שטיי אויף מיין קינד"!

ער עפנט די אויגן און בליקט צו דער טיר
אין שטומער דערוואַרטונג — עפּעס וועט געשען...
צי וואַרט ער אויף זיין מאַמען, צי גאָר אויף דער,
וואָס האָט זי פאַרטרעטן אין דעם וואָס געווען?...
ער פילט — אָט קומט זי... ער הערט אירע טריט...

אָט איז זי אַריין ווי דער פרימאָרגן אין פּראַכט...
עס שליסן זיך די אויגן — זאָל לענגער דויערן די מינוט
פון זיסער דערוואַרטונג נאָך א פיינפולער נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַוועק איז דער האַרבסט. דער וואַלד שטייט אין שנייען.
עס הוליען זאַווערוכעס, וויוגעס. דאָס שלעכטע געוויטער
שרעקט נישט די יינגע — זיי טיילן אין צווייען
דאָס גליק, וואָס בליט אין הויז פון איר מוטער.
שטיל איז דאָס הויז ביי דער מאַמען, דער אלמנה,
ווו אַלץ איז געשטעלט אויפן פויערשן שטייגער,
א לעמפּעלע ברענט איבער א טונקל-גאָלדענער איקאָנע,
מיט חשיבות טיקעט אַן אַלט-מאָדישער זייגער.

אין די אָוונטן טליעט א פייערל אין דער פּיעטשקע,
די פלעמלעך שפּיגלען זיך אין דעם קלאָרן דיל,
עס וואַרעמט זיך ביים פייער די אַלטע קאָזאַטשקע
און פּרעפּלט „האָספּאָדים" צעצויגן און שטיל.
זי בליקט צו די יינגע פון מאָל צו מאָל
און קערט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ זיפץ א שטילן —
דערשפּירט דאָס מאַרוסיאַ ווי אין האַרצן אַ קויל,
ס'ציטערט איר נשמה אַז ס'זאָל עס מישקע נישט דערפילן...

אַזוי גייט דאָס לעבן געפלאָכטן אין דרייען
מיט פעדעם פון פשוטע, טעגלעכע זאָרגן —
די יינגע בינדן זייער לעבן אין צווייען,
די אַלטע קוקט מיט זאָרג צום מאָרגן.
אַוועק איז א יאָר — אַ קנאַל פון א בייטש,
מיט טעגלעכקייט פאַרפולט — כמעט אָן שינוי,
ביז ס'לעבן האָט לערנען געגומען האַרטן טייטש
מיטן גורל פון די יינגע — מאַרוסיע גייט געווינען.

קיינמאָל געזעענע קרובים נעמען זיך יאָווען,
מ'ש'שקעט זיך אין די ווינקלען, קוים מ'עפנט ס'מויל,
צו משה'ן דערגייען ווערטער ווי בריאיקע לאָווע:
— „זשיד"... „א פרעמדער"... „רעביאָנאָק טשוזשאָי"...
פול איז אין הויז מיט דער אַלטער קאָזאַטשקע —
זי האָוועט, פּרעפּלט און זשומעט ווי א בין,
צו מאַרוסיאַ — „מילאַיאַ", צו משה'ן — א זאַטשעפּקע —
שפּינט זי א געוועב ווי א גיפטיקע שפּין.

ער בליקט צו מאַרוסיאַן נאָך אָנשפּאַר — פאַרלוירן
זי פירט מיט די אויגן איבער די ווענט —
ער דערשפּירט מיטן האַרץ, אַז מיטן געבוירן
ווערט צייטיק זיין פּסק — דער אָנהויב פון ענדע.
עס ווערט אים דערעסן דאָס וווינען צוזאַמען,
כאָטש ער האָט ליב מאַרוסיאַן ווי קיינמאָל ביז איצט,
ער פאַרטראָגט נישט די גיפטיקע בליקן פון איר מאַמען,
וואָס גליען מיט האַס, אָפן, אָן פּוץ.

זעט דאָס מאַרוסיאַ און איר האַרץ טוט א ציטער.
נאָך רופט זי אים אין האַרצן: — „מאָי זאַפּיעוואַלע"...
זי, וואָס גייט ווערן א מוטער
טראַכט וועגן קינד — איז דער טאַטע א זאַוואַלע?...
קום אַהער, ליבינקער! זעץ זיך לעם מיר!...
איך גיי ווערן מאַמע — נו, דו — א טאַטע,
זאָג מיר — אויב ס'קליינע וועט זיין געראָטן אין דיר
זאָל מען אים רופן: מישאַטע?...

טראַכט משה פאַרלוירן — וואָס זאָל ער איר זאָגן?...
אַז אים איז פרעמד און אָן זין
דער רוסישער מנהג צו געבן א נאָמען
דעם זעלבן וואָס פאָטער צום ניי-געבוירענעם זון?...

זי וואַרט אויף ענטפער — און מיטן חוש דערשפּירט,
אַז דאָך איז עפּעס נישט גלייך מיט איר מאַן...
נו, יאָ... זי איז א רוסין — ער איז א ייד...
אַן אָקס מיט אַן אייזל אין איין געשפּאַן...

עס חלומט זיך משה'ן: אַ טריבער פאַרטאָג.
דער טאַטע אין קיטל בדקנט אַ חלף...
מיטאַמאָל טוט ער צו משה'ן אַ שאַרפן זאָג:
— „נישט אַלעמאָל זאָגט מען „בית" אויב מ'זאָגט „אלף"!!...
דו האָסט זיך מוציא געווען מן-הכלל!...
האָסט פאַרזייט א זאָמען פון בגידה!
ער וועט פאַראַכטן זיין אייגענעם קוואַל,
באַשמוצן און באַקעמפן ווי א בן-מרידה!

דאָס, וואָס וועט קומען דורך דיר, פון מיר —
וועט זיך מיט שנאה קעגן אייגענע ווענדן!
צערייסן וועט ער דעם קשר, נישט צו לאָזן א שפּור,
און וועט קנאַידיק דעם אייגענעם אָפּשטאַם שענדן!
שפּייען וועט ער אויף אונדזער עבר, דעם רייכן,
וואָס וועט הענגען איבער אים ווי א קללה...
אָפּשטויסן וועט ער יעדן ענלעכקייט-צייכן
און וועט ווייכן פון אונדז אין בהלה!

„משה! יעדער מוז וויסן פונוואַנען ער קומט,
מיט וואָס ער איז באַלאַדן און וווהין ער גייט!
מען קאָן נישט, אָן עונש, צעברעכן די גאָלדענע קייט,
אפילו איין רינג בלויז, וואָס ירושה באַשטימט.
געוואָרפן איז זיין גורל — נישטאָ קיין צוריק!
ווער אויך דו נישט אויף אייביק פאַרלוירן —
זיי זיך צוריק מתיחד מיטן שטאַם פון געבוירן,
ווי איינער, וואָס קערט אום פון א בלאָנדזשענדן וועג..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צוריק ?... ס׳איז לייכטער צו גיין דעם איינזאַמען גאַנג
ווי קומען צוריק אַ באַפלעקטער מיט שאַנד !
ס׳איז לייכטער דער וועג צו יענער זייט בריק
פונוואַנען ס׳איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט א טלית דאָס פּנים פאַרהילט,
נישט צו ווייזן דער וועלט זיין שפּלדיקע שאַנד,
האָט דער מת ווי ביים דוכענען שטיל זיך געוויגט
אינעם טונקעלן ווינקל פון דער איקאָנע-וואַנט.
ס׳האָט זיך גערדוכט, אַז דאָס שטילע זיך וויגן
פון מת אינעם ווינקל אַנטקעגן דער איקאָנע,
איז געווען א מאָנונג, מיט סקריפּנדיקן ניגון,
וואָס פאַדערט א חשבון פון דער אַלטער אלמנה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביים ראַנד פונעם וואַלד איז א בערגל אָנגעשיט
פאַרזונקען אין שווייגן וואָס פּחד פאַרשפּרייט —
דאָ צלמט זיך נישט קיינער — „דאָ ליגט דער זשיד״.
קיין יתגדל ויתקדש ווערט נישט געהערט...
עס קומען צולויפן ווינטעלעך קילע
פון פעלדער, פון לאָנקעס, פון דערבייאיקן וואַלד,
און לייגן זיך ביים קבר ווי א שטילע תפילה
פון רחמים און פאַרגעבונג נאָכן יאושדיקן טאָט.

עס קומען צולויפן די עכאָס צעזייטע
פון זיינע געזאַנגען, וואָס ר׳האָט געזונגען דאָ אַמאָל,

און ווערן אויפסניי געזאַנגען באַנייטע,
וואָס פאַרפולן דעם וואַלד, דעם באַרג און טאָל.
עס שטרעקן זיך צווייגן פון דערבייאיקעביימער
און נידערן איבערן קבר מיט שאָטנדיקן ציטער,
ווי אַמאָל — נאָך אין וויגל — איבער א נפשל א קליינס,
האָבן זיך געצויגן די הענט פון זיין מוטער.

1959



מיראַזשן

אַ רייזע

בײם אָנהויב פון מײן רײזע
אויף דער סטאַציע — „לעבן"
מיט קושן באַגלײט — אין יסורים גרויסע
האָט מיר מײן מאַמע דעם בילעט געגעבן. —

עס האָט לאַנג נישט געדויערט
און מײן צוג האָט גערירט —
פון אָנהויב פּאַמעלעך,
קוים וואָס ער קריכט — — —
אַביסעלע שפּעטער שוין שנעלער אַביסל
נעמען זיך דרייען די קלײנינקע רעדלעך —
כ׳לערן שוין אין חדר בײם רבי׳ן ר׳ ניסל,
כ׳בין שוין בר־מצוה, כ׳גײ שוין מיט מײדלעך,
כ׳האָב שוין פאַרדינט מײן ערשטע פּאָר שיך —
ס׳לויפט שוין מײן צוג גיך־גיך, גיך־גיך — —

ס׳קלאַפּן די רעדער איבער די שוועלן
צום ריטם פון מײן האַרץ, וואָס לויפט מיט צוזאַמען;
ס׳באַגלײטן מיך די אויגן פון מײן טאַטן, וואָס קוועלן,
ס׳באַגלײטן מיך די בליקן פון מײן פאַרזאָרגטער מאַמען.

ער לויפט האַסטיק אַריבער טײכלעך, וואָס רוישן
מיט ברויז פון צעשטורעמטע יוגנט־געפילן,
וואָס לאָקן און ציען מיט צניעות און בושה
צום וואונדער פון נאַר־וואָס אַנטפּלעקטן ווילן. — —

ער יאָגט איבער ברײטע, צעכוואַליעטע פעלדער
מיט גראָזן ווי סאַמעט אַזוי ווי אַ מײדלשע באַק —
צווישן טונקל פון שטילע, אימהדיקע וועלדער
אין וועלכע מען הערט נישט דעם קלאַנג פון אַ האַק.

ער שלענגלט זיך לופטיק אין בלויע טרוימען
פון אידעאַלן ליכטיקע, באַגערן ריינע —
מיט פענצטער צעהעלטע אין נאַכטיקע רוימען
דעם אַרומיקן חושך מיט ליכט צו באַשיינען.

איבער טאָלן פון טרויער, פון טרערן נאַסע,
איבער לאַנקעס צעזונגענע מיט געקלאַנג פון דער קאַסע,
איבער מאָנאָטאָנעם מדבר פון וואָכעדיקע טעג,
וואָס שלעפן זיך אָן האָפענונג ווי פאַרבלאָנדזשעטע אין וועג.

און ער יאָגט, און ער יאָגט, און ער יאָגט, און ער יאָגט
פון באַגינען ביז שפּעט — פון באַגינען ביז שפּעט
מיט שווערקייט פון לעבן, וואָס אימפּעט אים טראָגט,
מיט שנעלקייט פון ווינטן — מיט ווינטן אין געוועט.

און כ׳וויים נישט, כ׳וויים נישט, כ׳וויים נישט פאַרוואָס
מיט אַמאָל איך גיב אים אַ פרעג:
— „קאָנסטו מיר זאָגן, איך בעט דיך, אָט דאָס —
ווו איז. איך בעט דיך, דער סוף פון מיין וועג״?
אָנשטאָט אַן ענטפער גיט פאַרע אַ סיק:
„נישטאָ פאַר אונדז ביידע מער קיין צוריק!
מיר זענען פאַרמשפּט צום לויפן אין דער צייט
פון אַ וועלט, ווו אַ זון קומט אויף און פאַרגייט
צו וועגן פון וועלטן, וואָס פירן, העט ווייט,
אין דער דורותדיקער אייביקייט״ — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מערץ, 1960.

קלאַון

קלאַאון,
פאַרוואָס איז צוגעקלעפּט
צו דיין מאַסקע פון לאַכן,
אונטערן גרים —
דיין טרויער,
פאַרגליווערט, שטום ?...

האָט דיך דיין פריינד פאַרראַטן ?...
איז דיין ליבסטע געשטאָרבן,
אָדער אַ קינד ?
זיצט אפשר עמיצער הינטער קראַטן
פאַר דיינע זינד
און געפינסט נישט קיין רו ?

קוק זיך אַרום,
קלאַאון,
זע, אַלע לאַכן פון יעדן קרום
וואָס דו מאַכסט —
דו אויך, קלאַאון לאַכסט ?...
לאַך — —
ל אַ ך — — —

זע,
אָט זיצט דאָרט איינע
און לאַכט מיט היסטעריע...
וואָס האָט איר געבראַכט אַהער ?
ס׳קלינגט נישט איר לאַכן ווי מיט עפּעס זיך פרייען —

עס איז א טרויעריק געלעכטער —
דעם אומעט צו צעשטרייען — —

זע,
זיצט אַן אַלטער מיט קוליעס —
מיט פאַרזשמורעטע אויגן ער קוקט —
ער פאָלגט נאָך מיט נייגיר
דיין זיך איבערקוליען,
דיינע קונציקע שטיק.
און מיטאַמאָל,
אַ געלעכטער פאַלט אים אָן.
און ער לאַכט, שטילערהייט,
מיט זיין גאַנצן אינגעווייד
צו זיך —
איבער זיך —
ער מורמלט:
„ווען אויך איך קאָן אַזאַ סאַלטאָ מאַכן —
וואָלט איך אויך געמעגט
לאַכן..., לאַכן..., לאַכן...

זע,
יעדער קומט נאָך עפּעס,
דו, אוודאי, אויך —
קוק אין די טויזנטער אויגן
פון אונטן ביז אין דער הויך —
ביזן סאַמע דאַך —
וועסטו זען
ווי עס וואַרטן אַלע, אַלע,
אויף דיינעם אַ לאַך.

לאַך! קלאַאון, לאַך!
פון זייערע גראָשנס
האָסטו א ברויט, א קלייד, א דאַך —
אָבער
דו קאָנסט נישט,
דו טאָרסט נישט
פאַרטױישן דיין טרויער —
פאַר זייערס א ל אַ ך — —

קוק נישט צו יענע,
וואָס קומען מיט טרויער,
און טרעפן זיך אָן
אין אומעט,
וואָס זיצט אין די אויגן דיינע — —
קוק צו די יונגע,
צו די קינדערלעך קליינע,
וואָס לאַכן אַזוי האַרציק פון יעדן
קאָמישן ריר —
געדענק,
זיי קאָנען נישט פאַרליידן
דעם טרויער, וואָס זיצט אין דיר...

זיי באַצאָלן דיר ערלעך
מיט גראָשן
און מיט צוטרוי —
צאָל זיי צוריק מיט שפּילן געטריי!
אויב אַפילו דו קאָנסט נישט לאַכן —
לאַך,
קלאַאון, לאַך,
לאַך אין דער גרויסער, גרויער וועלט אַריין.

1959

שוואַנען געזאַנג

האָט ווער שוין געזען
שטאַרבן אַ שוואַן?
האָט ווער שוין געהערט
זיין לעצטן געזאַנג?

ווי צוויי ווייסע וואָלקנס
אין תכלתדיקער בלאָ,
מיט העלדזער
ווי מאַסטן געשטרעקטע צום הימל,
אין מאַיעסטעטישער שטילקייט
ווי אַ קעניגלעכע פּאָר
אויף אַ הויף־פּאַראַד, ווו אַלץ איז צום רומל,
האָבן גראַציעז געשניטן
א פאַרחלומטן סטאַוו אין טויאיקן פאַרפרי
צוויי ווייסע שוואַנען —
אַן ער און א זי.

זון אַנטקעגן געגאַנגען
אין זייער בלענדענדיקן ווייס
מיט פעדערן
ווי זעגלען
פון ווינטן צעבלאָזן —
אינעם רונצל פון שטראָם אונטער זייער שוים,
וואָס נאָך זיך געלאָזן —
האָט
אויפן זוניקן שליאַך
פון גאָלדענע פליטערלעך

פֿאַר בכורה זיך געשלאָגן
זייער ווייסער שאָטן,
וואָס האָט אינעם בלויקייט פֿון סטאַוו
זיך זוניק אָפּגעשלאָגן —

ווען די זון האָט גענומען
צו מערב זיך נייגן
און דאָס פּנים פֿון סטאַוו
באַפֿלעקט מיט בלוט —
איז צום רויטקייט פֿון וואַסער
געפֿאַלן ווי אַ בויגן
דער קאָפּ פֿון דער ז י
פֿאַרנעפּלט מיט טויט.

א ווינטל האָט געגעבן פֿון מערב א ווייע,
ווי א קוש פֿון קינדערשע ליפּן, א צאַרטער,
און פֿאַרשלונגען דעם לעצטן, פֿאַרשטיקטן געשריי
פֿון אַ האַלדז, וואָס איז מיט שטאָלץ
געפֿאַלן אַ פֿאַרשטאַרטער.

געשטויסן פֿון ווינט
איז געשווומען דער שוואַן
אויפֿן טונקל פֿון וואַסער
אָן קלאַנג —
ווי אַ מושלע אַ ווייסע
באַצוימט
מיט ציטערדיקן זילבער פֿון ווייטע שטערן —
און געזונגען
האָט
ווי אין טרוים
דער שוואַן

זיין לעצטן געזאַנג,
וואָס ער —
קיינער מער —
קאָן עס נאָר הערן.

און איידער
די זון איז נאָכאַמאָל פאַרגאַנגען,
זענען
אויפן טונקל פון וואַסער
געשווומען צוזאַמען
צוויי שוואַנען
אָן קלאַנג —
ווי צוויי מושלען ווייסע
באַזוימט
מיט ציטערדיקן זילבער פון ווייטע שטערן —
און געזונגען
האָבן,
ווי אין טרוים,
די שוואַנען
זייער לעצטן געזאַנג,
וואָס זיי
קיינער מער —
קאָנען עס נאָר הערן — — — —

1959

פאַרגאַנגענע טעג

די אין טומל,
און אין שטילקייט,
פאַרגאַנגענע טעג,
האָבן מיטגענומען
א שאָטן פון דיין איך,
ביים לאָזן זיך אין וועג.

די הוילקייט,
וואָס א טרער קאָן נישט אָנפילן,
ווערט א לאָגל פול מיט בענקשאַפט,
נישט צו שטילן —

פון מאָל צו מאָל
קומען צוריק געשטאָרבענע טעג,
לייגן זיך שאָטנדיק אַוועק
ווי שטומע צינגער צו די פיס —
אין די אויגן — פייכטע שרעק —
גוט געקומען —
צי נישט?...

פאַרשוומענע טעג און יאָרן,
ווידערגעבוירענע
דורך נישט געשטילטן באַגער,
ווערן בלאָע וואָרן,
נעפּלדיק צעשווומענע
אין קרישטאָלענער טרער.

דעצ. 1961

נאַכט

די גאַסן
אין גליווער פון חשכות צעוואָרפן,
שרעקן מיט הוילקייט
ווי אָפענע טרונעס,
שיטערע ליכטער, וואָס בלייכן זיך דאָרטן,
שטאַרן פאַריתומט
ווי פידלען אָן סטרונעס.

עס יאָגט מיט פרעמדקייט
פון יעדער טיר;
שטייפע שרעק
גלאַנצט אין שויבן שטומע,
ראַמען פון פענצטער —
אין רייען אָן א שיעור —
בלייכן אין דער פינצטער
ווי אויף א צמענטאַר די צלמים.

ווו-נישט-ווו אויפטונקלט
א שאָטנדיק לעבן,
ס'שפינען סילועטן
שאָטן — געוועבן,
זיי שרימפן, שפרייטן,
צעגייען זיך און מיידן
אין קלאַנגלאָז צעשיידן.

ס'הילכט אָפּ
א ביינאַכטיק געשריי... —
א ווידער-וויי פון א בייטאָגיקן וויי —

ס'ווערט דאָס געשריי
סאַמעטענע רינגען אויפֿן ביינאַכטיקן וואַסער —
וואָס ווייטער פֿון שטיין
בלאַסער,
בלאַסער,
ביז לעצטער עכאָ
רינט אויס, דערוואָרגן
אין די אָרעמס פֿון שטומקייט,
וואָס שפּרייזט מיט גולם-טריט
צום מאָרגן — — —

1961

א לבנה-נאַכט אין תפיסה-צעלע

עס שרעקט דאָס פענצטער
אין ווינקל פון צעלע,
מיטן שאָטן פון קראַטעס
אויף זילבערנער שיין,
אין שכינות פאַרמיקע
קוואדראַטן העלע,
וואָס צופּן דאָס האַרץ
מיט צעציטערטער פּיין.

מטושטש'ער פּלאָנטער
פון חלום און וואָר,
אין ביינאַכטיקן שלומער
פון איינזאַם געפאַנגענעם —
וועלכעס איז דער אמת:
דאָס ליכט צי דאָס שטאָל?
הויך איבער זיין קאָפּ
דורכן גורל צעהאָנגענער!

עס וואַנדערט די לבנה,
ס'וואַנדערן די געדאַנקען.
פאַרמלאָז, צעשוווּמען
ווערט די קראַטע אויף דער וואַנט.
די שטערן צום רומל,
לעשן זיך, צאַנקען —
אויפן פאַרטאָגיקן הימל
ברענט דאָס פענצטער מיט שאַנד.

1960

אין דיינע שפּעטע יאָרן

אין דיינע שפּעטע יאָרן
ביסטו,
אַ, וואַנדערער, אָנגעשפּאַרט אויפן לעבן
אַ מידער געקומען —
און חידושסט זיך:
ווי אַזוי איז עס געוואָרן —
דער טויש פון יאָרן
אין אַ חלום צעשוווּמען...

אזא לאַנגע קייט
פון זאָרגן,
ליידן,
פריידן,
בינטלעך געפילן פאַרפלאָכטן
מיט פעדעם פון צייט —
און צערינען!
פאַרלוירן
ווי עפּעס, אַמאָל זיכער אַזוי,
אין האַנט געהאַט —
און — נישטאָ!

אומנוציק
דאָס זוכן, טראַכטן
ווען?...
ווו?...

ווי לאַנג האָט עס געדויערט —
אַ יאָר־הונדערט?...
אַן אײנציקע שעה?...

א רגע בלויז
איז אַלץ געװעזן,
געװעזן —
און מער נישטאָ...

1959

כ׳האָב געוואַנדערט

כ׳האָב געוואַנדערט
אויף די אומוועגן פון געדאַנק
מיט וואַקלדיקע טריט —
געזוכט דעם אמת,
דעם זיס-ביטערן געטראַנק
מיט שאַרפן ריח פון ייִנגן צוויט,
וואָס נאָר איינמאָל אין א יאָרטויזנט בליט.

פאַרגאַנגען זענען שקיעות
נאָך טעג פול מיט פּיין;
מיטן שלייער פון דער נאַכט באַדעקט
האָבן ירידות, עליות
געוויגן
דעם זיין און נישט-זיין.

פרימאָרגנס זענען געקומען
און פאַרגאַנגען אין באַנייטן פּיין
פון זוכן און נישט-געפינען —

נישט צו אַנטרינען
פון ליאַרעמדיקע געשרייען:
איך! איך!
אין ערגעץ מער נישט זוך!
איך בין איינציק! איך וועל באַפרייען,
באַנייען! — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
והא ראיה — — — — — — — — — — — — — —

1959

* * *

וועז
ס'בליצט אויף אין מיר
מחשבה
מיט יונג-ציטערדיק ליכט —
טויכן אויף ספיקות-ווייען
מיט נשמה-ציטער —
וועט דער שפליטער
פון אַן ערגעצוואויקן פלאַם
אין ריינקייט קומען —
אָן פגם?

שוין זיך דורכגעריסן
דורך לעצטע, לעצטע הייטלעך
דער ולד —
א פונק קוים,
א נעפלדיקער דמיון נאָך,
מיד
פונעם נע-ונד
אין זיין לאַנגן וואַנדער
זוכנדיק
דעם שלימותדיקן תיקון.

ס'ציטערט דער שאַפער —
אַ שקלאַף פון זיין אייגענעם באַשאַף —
מיט אימת-יצירה —
וועט מחשבה
איבערגיסן איר קדושה

אין מושלמ'דיקן פּאָרעם
צום פּלאַם
ניי-געבוירענעם ?

אָדער
ס'וועט פאַרדאָרבן ווערן
דער הויך פון יצירה —
און אָנשטאַט
אַ קוואַליקער טראָפן מים-חיים
וועט קומען —
פ ט י ר ה...

אין צער פון שאַפן
געדייען די וויִען.
ספיקות —
מוטנע כוואַליעס,
מיט גרימצאָרן שפּייען —
ווילן פאַרגיסן,
פאַרלעשן
נאָר-וואָס געבוירענעם פלאַם.

מערץ, 1961

שטילע שעה

ווען ס׳קומט אויף מיר
א שטילע שעה,
אַ שפּליטער פון דער אומבאַקאַנטער,
גרויסער,
גרויסער רו, וואָס הויערט ערגעץ ווו —
גייט אויף אין מיר מיט שטילן פלאַטער
א בלחשדיקער ברוך-הבא! — —

איך פיל —
זי לייגט זיך צאַרט און שטיל,
ווי דאָס אָליוון-בלאַט
געבראַכט דורך נח׳ס טויב אין שנאָבל
נאָכן רעש פון מבול —
איך פיל —
איך בין אַריבער
די לעצטע גרענעץ פון מיין דאָ-זיין —
מחילה׳דיק געלאָזן
דעם לעבנס-פיבער,
קורצן שימער
פון זונען-שיין
אין א טרער פון פרייד און פיין —

כ׳זאַפּ איין,
כ׳זאַפּ איין,
דאָס געזאַנג פון ליכטער שטילע,
וואָס קומען אָן פון בלויע ווייטן,
גרייטע מיך מיטצונעמען
אויף די פליגלען פון זייער וואַנדער-וועג דעם גרייטן...

איך זאָפּ איין
פונעם פרימאָרגן־ווינט
א הויך, א צאַרטן,
וואָס שעפּטשעט מיט תמימות פון א קינד
א תּפילה
פון א געהיימען דאָרטן.

כ׳גיי אוים
שטום,
אין דעם אַלעם, וואָס רינגלט מיך אַרום,
כ׳צעגיי
פון תענוגדיקן וויי,
אויפצוגיין
אינעם אין־סוף
פון זיין און נישט־זיין,
אויפצוגיין
אינעם שפּליטער
פון דער אומבאַקאַנטער, גרויסער רו,
אין דער שלווה
פון דער שטילער, שטילער שעה — —

1961

פאַלן האַרבסטיקע בלעטער

פאַלן האַרבסטיקע בלעטער
בלאַט נאָך בלאַט
מיט שטילן טרויער,
ס׳ציטערט זקניש יעדעס בלאַט
איינגעהילט
אין בענקשאַפט און אין באַדויער.

מיט שוואַכן זונען-שמייכל צעהעלטע,
צערטלען דאָס אויג
מיט לעצטן אָפשיין
פאַרן פאַרגיין —
בלעטער פאַרגעלטע.

טראַציק
טרעטן יינגע פיס אויף גאָלדן-בלאַט,
הערן נישט,
אַז ס׳פּלאַצן דינע ביינדלעך-ריטלעך
אונטער זייער טראָט,
פילן נישט,
אַז זיי טרעטן אויף דעם שטאָלץ
פון נעכטיקע ביימער-קרוינען.

מיושבדיקע זקנים-טריט
מיט אָפּשיי שוינען
די קופּעס בלעטער
פונעם ווינט צענויפגעשיט.
דאָס פאַלן פון אַ בלאַט
איז זייער אייגן פאַלן —
ס׳קלעמט דאָס האַרץ מיט פּחד,
אַז דער שטאָלצער נעכטן
זאָל נישט פאַלן היינט צו שפּאָט
ווי אַ האַרבסטיק בלאַט.

1962

באַלאַדע פון א יינגן פישער

ערגעץ-ווו אין א ווייטן לאַנד
האָט א יינגער פישער ביים ים געלעבט,
בלויע אויגן האָט ער געהאַט — און א פּאָר הענט,
וואָס האָבן לייכט די נעץ פון ים געשלעפּט.

לעבט דער פישער אין א כאַטע
צוזאַמען מיט זיין אַלטער מוטער,
לאַנג, גאָר לאַנג שוין איז זיין טאַטע
אומגעקומען אין א געוויטער.

וואַקסט דער בחור — און זיין מאַמע
קאָכט און וואַשט, פאַרריכט די נעצן.
ווען ער זעגלט איבער ברויזנדיקע תהומען
די מאַמעס אויגן מיט בלוט זיך נעצן.

פון שוואַכער האַנט אַ ציטערדיק דעכל
איבער טריבע אויגן שמועלט זי אויף,
זוכט אין פלאַטערניש דעם זעגל,
דעם אָנהאַלט אירן אינעם ים׳ס אין-סוף.

אָפט עס טרעפט אין וועטער שטילן
עס גיט אַ בלענד מיט זון פון ווייטן —
צוקן ליפּן א שטילע תפילה,
וואָס זאָל איר קינד אין נויט באַגלייטן.

און דער פישער מיט בלויע אויגן
לאַכט צום ים, צו זון און ווינט,

דערזעז דאָס אָרט פון לייגן רויגן —
לאַכט ער העכער: ס׳וועט גיין אַצינד!

אַראָפּ די נעצן אין גרינעם תהום
ווי געהיימער כוח וואָלט געטאָן א צי —
אַרום די שטריק בלעזלט זיך א שוים
וואָס לאַכט מיט חוזק: א שאָד די מי...

דערפילט דער פישער — ס׳איז נישט גלאַט,
פּרווט די נעץ א צי טאָן צוריק —
און ציטערט אויף ווי א האַרבסטיק בלאַט —
פון נעץ צעריסן איז די שטריק.

אַ כוואַליע טוט מיט שוים א פלייץ
פון די טיפע, געהיימע גרונטן,
א קילע האַנט מיט פרויען-רייץ
גלעט דעם פישער ווי אַ נאָענטן.

ס׳טוט דער פישער זיך אַ וואַקל
און אין א שלאָף פאַרזונקען ווערט,
ס׳דוכט, פאַרענדיקט דער סך-הכל
פונעם יינגן פישער׳ס גאַנצער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט דאָס שיפל זיך צעהוידעט
ווי ס׳וואָלטן געוויגט עס מאַמעס הענט,
ס׳האָבן מאַסט און זעגל זיך שטיל געסודעט:
— עס טאָר זיין שלאָף נישט זיין געשטערט...

ס׳שלאָגן כוואַליעס אין די באָרטן
מיט א ניגון פון א וויג-ליד,
פון שיפל ווערט א קילער גאָרטן
מיט בשמים-ריחות פון פריען צוויט.

דער ייִנגער פֿישער איז אין שלאָף פֿאַרזונקען,
ס׳הענגען הפקרדיק די נעצן,
די זון מיט מידקייט אָנגעטרונקען
מיט שווערן לייב גרייט זיך זעצן.

מיט א שטילן זיפֿץ לויפֿט אָן א ווינטל
און דעם סוד פֿון שקיעה איז מבשר,
די הויט פֿון ים אין שרעק זיך רונצלט,
אומעט לייגט זיך אויפֿן וואַסער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז א חתונה-מאַלצייט אין די טיפֿן,
לעבן דער כלה זיצט דער פֿישער,
פֿיש מיט אויסגעפּוצטע שופּן
באַדינען ארום די מאָלצייט-טישן.

די כלה שיינט מיט טויזנט חנ׳ען,
מיט ייִנג-פֿרוי צניעות אין חופּה-טאָג,
שטוינט דער פֿישער — קאָן זיך נישט דערמאָנען —
איז די ייִנג-פֿרוי פֿרעמד זיין אויג?...

זי בליקט צו אים און זעט זיין צווייפֿל,
טיפֿער ערנסט אין אירע אויגן זיצט,
ווען זי פֿרעגט אים מיט א שמייכל:
„ווייסט מיין ליבער ווו די ביסט?״...

„דו ביסט אין טיפֿעניש פֿון ים,
וואָס איז מיט דיין נשמה צוויי גלייכע זאַכן,
אַלץ, וואָס זעסט אין דעם אַרום,
איז פֿאַר דיר פֿאַרהוילן אויף די אויבערפֿלאַכן״.

„דעריבער, ווייס-זשע, זאָגסטו — „יאָ״ —
מוז עס טיף זיין, אמתדיק און הייליק!

קיינמאָל אַנדערש ווי ס'איז איצט אַזוי! —
אויף אייביק בלייבט עס, אויף אייביק..."

„איידער זאָגסט — „איך האָב דיך ליב!" —
דיין האַרץ פרעג אָן אפריער,
דער מינדסטער צווייפל — און קיין פאַרגיב,
ביז דיין סוף, איז חל פאַר דיר".

— „ווער ביסטו?!" — מיט שרעק ער פרעגט,
„וואָס באַהאַלט זיך אין דיינע רייד?...
טו אוים דעם שלייער, וואָס דיך פאַרדעקט
און אַנטפּלעק מיר דעם באַשייד!"

— „איך בין א פונק פון פלאַמיקן באַשאַף,
וואָס פסולת שמעלצט אויף קרישטאָל,
איך הערש צוגלייך איבער האַר און שקלאַף,
אויך איבער דיר — דערמאָן זיך דיין אַמאָל"...

דער יינגער פישער די הענט אויסגעשטרעקט,
לאַכט און וויינט אין צעמישונג —
„דו האָסט מיין זכרון אויפגעוועקט —
צו מיין האַרץ א דערקוויקונג".

„איך האָב געקענט דיך שוין פון לאַנג,
שוין לאַנג געזען דיך אין מיין טרוים,
ס'פילט מיין האַרץ נאָך דעם וויי און באַנג —
ווען פלעגסט צערינען ווי כוואַליע-שוים".

„יעצט געקומען איז די שעה —
אין זיין רחמים געבענטשט איז גאָט!
קום, מיין ליבע, אָט בין איך דאָ! —
געבענטשט די שעה, וואָס גליק אונדז באַט".

זי קוקט אויף אים מיט אויגן שטילע
זאָגט: — „געדענק!" און אַנטבלויזט דאָס לייב —
די ליבע, אין דערהויבנקייט א תפילה,
האָט זיי פאַרקנסט אַלס מאַן און ווייב.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ייִנגער פישער פון שלאָף וואַכט אויף,
דער בליק פאַרנעפּלט ווי פאַרדולט,
דער חלום פון דער וואָר אַנטלויפט —
די נעצן איבערן ברעג פאַרפולט...

ער הערט געשרייען פון די זוכער:
„העי! וואָס שלאָפסטו, וואָס געשעען?!...
שטיי אויף! גיי אַהיים, דו ייִנגער בחור!
דיין אַלטע מאַמע וועט אין געוויין צעגיין!"...

קוקט דער פישער מיט בלאָנדזשענדיקן בליק
און פאַרשטייט קיין זאַך פון אַלץ אַרום,
ס'רוט נאָך אַלץ דער קוש פון גליק
אויף זיינע ליפּן מיטן צויבער-הויך פאַרשטומט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרגאַנגען זענען לאַנגע יאָרן,
געשטאָרבן איז זיין אלטע מאַמע,
דער ייִנגער פישער איז אַלט געוואָרן
און נאָך זוכט ער ס'גליק איבער ווייטע ימען.

אויגוסט, 1962

* * *

ס׳איז דיין טרער שווער געפֿאַלן
א בריאיקע, א שטומע —
דיינע אויגן האָבן נישט פֿאַרראַטן
פֿונוואַנען זי איז געקומען...

איך האָב דיך נישט געפֿרעגט: — „פֿאַרוואָס״?,
כ׳האָב שטום ווי דו געקוקט פֿאַרלוירן —
די הייסע טרער, פֿון אויג אַרויס נאָרוואָס,
האָט מיט דימענט-גלאַנץ אויפֿגעלויכטן.

1962

א תפילה

באַשעפער,
נעם פון מיר אַוועק די גרויקייט פון וואָך,
וואָס דריקט און שטיקט,
ווי אַן אָקסן-יאָך.

איך האָב ליב די מי,
און מנוחה׳דיקע רו
נאָכן אַרבעטס-טאָג,
וואָס פאַרגאַנגען איז אין פרייד,
איך האָב ליב זיין גאַנג,
וואָס באַשטייט פון הצלחהדיקן שאַפן.

איך האָס די פּלאָג
פון געצוווּנגענעם טוען,
אַזוי ווי עס האָסן דאָס שקלאַפן,
אָן זייער רצון געצוווּנגענע זיך צו מיען.

באַשעפער,
גיב מיר דערהויבונג
אין מיין טעגלעכער מי,
כ׳זאָל שטייגן, ברצון, צו הויכן
אַזוויווי פייגל אין פלי.
מיין אומרואיקע נשמה זאָל אין קדושה,
ווי אין קוואַלן פרישע
נעמען איר תיקונדיקע טבילה —
דאָס איז, באַשעפער,
צו דיר
מיין האַרציקסטע תפילה.

1959

מײַן וואָרט

מײַן וואָרט איז פֿון מיר אַנטלאָפֿן
ווי אַ ברוגז קינד —
אַנשטאָט זינגעוודיקע סטראָפֿן
וויינט אין מיר מיט ווינט.

ווו ביסטו מײַן וואָרט? —
נישט בלאָנדזשע אין דער פֿרעמד...
קום צוריק! —
נישט לאָז מיך פֿאַרשעמט...

מיטן וואָרט קאָן איך בויען, בינדן,
מיט אַ וואָרט מאַך איך חרוב, כ׳צעשייד, —
מיט אַ וואָרט קאָן מען אַ נשמה אָפּשינדן,
מיט אַ וואָרט פֿאַרשאַפֿט מען פֿרייד.
מיט אַ וואָרט צעצינדט מען פֿלאַמען,
וואָס פֿאַרשמידן טריט צוזאַמען,
מיט אַ וואָרט טוט מען וועלטן בויען —
און אויך צעשטערן די געבייען —

ווו ביסטו מײַן וואָרט? —
נישט בלאָנדזשע אין דער פֿרעמד...
קום צוריק! —
נישט לאָז מיך פֿאַרשעמט...

1961

דעק נישט אויף דיין פּנים

דעק נישט אויף דיין פּנים,
עס איז מיר ליבער אַזוי —
אין פאַרהוילנקייט
דרינגסטו טיפער אין מיין געמיט,
מיט צויבער
און אומעט
פון א שטילער דעמער-שעה.

פון דיינס א שמייכל,
אַ האַנט-באַוועג,
פלאַסטער איך צום טרוים אַ וועג,
ליפּן-צוק ווי פלאַטערל-פלי
צעבלאָזט פון פונק דעם גלי,
און איך ווייס נישט,
נישט ווייסן וויל איך —
איז אַלץ אַן אמת
אָדער צויבער-שפּיל...

איך בעט דיך —
בלייב אין שווייגן
און אין שאָטן איינגעהילט —
א וואָרט
קען צעשטערן
דאָס דינע געוועב פון פאַסטעל-בילד.

לאָז מיך איבער אין דעמער־שעה
אין אליינקייט
מיט מיינע טרוימען —
גילדענע שטערן
זאָלן פאַלן
פון די בלאָע הימל־רוימען.

1962

איינזאַמע אַ טרייסט

אויב ס'האָט דיך גורל פאַרמשפּט
צו איינזאַמער דאָליע,
און צאַפּלסט דורך דיינע טעג
אין שרעק,
ווי אַ פויגל אין שטייג
אינעם זוכן צום אויסלייז אַ וועג —
שווייג!

ווען רעיונות פאַראַנקערט
אינעם טומלדיקן עבר
ווערן געהילט
אין שטילקייט פון דיין היינט —
נישט קלאָג!

אַז עס האָט דיך שוין אַלצדינג פאַרלאָזן —
און דיין אַליינקייט
איז דער איינציקער פאַרמעג —
זיי ווי אַ פעלדז אין נאַקעטן סטעפּ,
אַ שטאָלצער טורעם —
מיטן כּוח פון דיין שווייגן
אין פאַרמעסט
מיטן גערעד פון שטורעם —

וויים,
דו, אין דיין אַליינקייט
ביסט
מיט די געטער צוגלייך —

אויך זיי —
אין זייער שטאָלצער שיינקייט,
וואָגלען
איינזאַמע,
אין דער אויסגעהוילטער הייך — — — —

1961

וואַנדער־וועגן

וואַנדער־וועגן מיינע
אויסגעטראָטן אין בהלה פון מלחמה —
מיט הפקר,
מיט גרויל צעשטורעמטע פרעמדע שטרעקן,
מיט קאָנוולסיע־שאָק פון געפייניקטער נשמה
אינעם אויפגעוואכטן אור־וואַלד,
מיט שרעקן,
דראָאונג, ביי יעדן סקריפּ פון וואָגן,
מיט נאַכט־קאָשמאַרן
פאַרברודערטע מיט גרויליקע פאַרטאָגן.

וואַנדער־וועגן
מיט הוילן אינסטינקט אַלס אַ קאָמפּאַס
אין אַ פּלאָנטער פון פּחדים, שמאַכן;
וואַנדער־וועגן חושכע, גיהנום־שאָטנס
אויף צעשרפה׳טער ערד —
ווערן ניסים־פולע, גאָט געבענטשטע שליאַכן
מיטן חסד פון א ברודער־האַנט צעהעלט.

„נעמט דאָס ברויט —
איר ייד — איך בעט אייך, —
כ׳וויים נישט וואָס מיין גורל וועט מאָרגן זיין״,
ציטערן טויבן־אויגן מיט שטילן פלאַטער —
מיטן ברויט דערלאַנגטן
פאַלט צוגלייך
אַ הייסע פרויען־טרער —
באַרוישנדיקער וויין
וואָס קילט און וואַרעמט אַ האַרץ אין ציטער.

„ווּ וועט איר גיין?...
בלייבט מיט אונדז דאָ! —
זאַלץ א זאַק — אויף א יאָר וועט סטייען!
בלייבט — יעדנס גורל איז סיי־ווי פאַרשריבן..." —
אין צעמיש פון א גורל־שעה
מיט זיין האַרץ געטיילט אין צווייען,
האָט אַ מענטש די שרעק פון זיך געטריבן.

ווו זייט איר — איר ברידער־הענט
דערלאַנגט מיט ליבע אין עת־צרה
אויף וואַנדער־וועגן
אָנגעהויפנט מיט ירידה?...
איך רעד מיט אייך דורך שאָטן־ווענט
פון יאָרן,
וואָס זיפּן גוטס פון שלעכטס אָן פשרה
און דערמאָן, אין טרויער,
אייער אייביק־לייכטנדע
הכנסת־אורחים מידה.

1961

* * *

ניִשט שרעק זיך פֿאַר די יאָרן,
וואָס נאָכניִשט געקומען —
אויך יענע, וואָס פֿאַרגאַנגען,
זיינען געוועזן אַמאָל יונג,
געוועלקט האָבן יאָרן,
געשניטענע בלומען,
אין בענקשאַפֿט פֿאַרגאַנגען
נאָך פֿרייד און געזאַנג.

עס שרעקן ניִשט מער
פֿאַרלאָפֿענע יאָרן —
היימיש זיי נעסטן
ביי דיר אין האַרץ,
לייכט איז געוואָרן
זייער דויער צו מעסטן —
אַ שמייכל, אַ טרער,
אַן אויגנבליק אַליין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניִשט שרעק זיך פֿאַר די יאָרן,
וואָס נאָכניִשט געקומען —
אויך יענע, וואָס פֿאַרגאַנגען,
זיינען
ווי טרוימען
אין פֿרילינג געקומען.

1962

בטחון

דער נעכטן איז שטיל פֿאַרגאַנגען —
אונטער קאַסע פֿון צייט
געפֿאַלן ווי זאַנגען.
אין אומענדלעכקייט
איז געטראָגן געוואָרן
דער טאָג
פֿון נישט דערפֿילטע פֿאַרלאַנגען.

נאָך נאַכט פֿון יסורים־פֿייער
בלויט אַ טאָג א נייער —
מיט נייע פֿאַרלאַנגען,
ווי געזאַנגען
אויפֿגעגאַנגען —
מיט צוזאָג,
צו באַפֿרייען
בענקענדיקע געפֿילן,
וואָס וואַרטן,
גאַרן,
געשטילט צו ווערן,
רופֿן
דעם שם־המפֿורש זאָג:
„אַז עס וועט קומען דער טאָג"!

זאָל קומען,
זאָל קומען
דער טאָג! — — —

1960

עליות, ירידות

פאַרטאָגס,
האָב איך אויף די הימלען
זיך פאַרמאָסטן —
צו די אָדלער-נעסטן
„גוט-מאָרגן" מורמלען, —
די אָדלערס,
אויגן פול מיט חידוש,
האָבן מיט פליגל-גערויש
„גוט-מאָרגן" געענטפערט
ווי מיט „אמן" אויף קידוש.

ביַיטאָג,
צעשמיסן פון די זונען-שטראַלן
בין איך צוריק
צו דער ערד געפאַלן,
געזוכט
אירע קילע קוואַלן.
געלעגן וואַך
מיט אָפענע שוואַרץ-אַפּל,
און געהערט:
טייכלס פלאַפּל,
פויגלס טרעל, ווינטס גערויש,
און געפרייט זיך,
אין ירידה,
מיט דער פעסטקייט פון דער שוועל,
וואָס פירט
צו מיין פשוט הויז.

ביינאַכט,
האָט אַ טרער
אין מיין האַלדז זיך געטאָן אַ שטעל —
צוליבן טויש
פון פליגל-געררויש
אויף אַ שוועל
פון אַ הויז.

... און פאַרטאָגס,
האָב איך ווידער
אויף די הימלען זיך פאַרמאָסטן —
פאַרן גליק
פון „גוט-מאָרגן" מורמלען
צו די אָדלערס
אין די נעסטן.

1961

מרידה

כ׳האָב צעטראָטן מיט רוגזהדיקע טריט
די טויבן-שטילקייט פון היכל,
כ׳האָב די הייליקע יריעות
מיט מרידה-הענט צעריסן
און געוואַרט —
פאַרשטאַרט.

כ׳האָט מיט תכלית-גוטסקייט א פלאַטער געטאָן דער הימל
און שטום געפרעגט:
פאַרוואָס?
פאַרוואָס האָסטו, בן-אדם, צעשטערט
דיין אייגענע יצירה?
האָסטו דען געשאַפן מיט דיין סתירה
עפּעס, וואָס זאָל זיין ווערט
דיין ווערט?...

ס׳איז שלאָף געפאַלן מיין האַנט
א צעציטערטע נאָך פון גערים —
כ׳האָב שטאַמלענדיק געפליסטערט:
— חרטה!
— חרטה! — כ׳האָב געמיינט —
ס׳איז שימל — — —

זע!
האָט אַ בלענד געטאָן א חסדיק ליכט,
און א קול-דממה-דקה האָט מיין האַרץ געהייליקט —
„ווער באַשענקט מיט גלויבן
צוליב דיין צער פון זוכן״.

פלאַמען
האָבן די יריעות צונויפגעשמעלצט — א גאנצקייט!
מיט כרובים-ליכט באַזוימט
איז אויפגעגאַנגען אינעם בראשית-פלאַם,
מיט אַנטפּלעק
אַ וואָרט — א גבר:
צ ד ק — — —

סעפּטעמבער, 1961.

* * *

(„מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע באַשאַפן")

... איך שטראָף און שטראָף מיטן בלוט פון האַרצן —
און איר! —
עקשנים מיט בלינדקייט געשלאָגן,
איר קערט פונעם אמת אייערע אויגן אַוועק
און דינט צו געצן,
וואָס איר האָט אויסגעטראָגן
אין אייער שרעק
און אין נישט פאַרשטיין!

וואַכט אויף פון אייער פּלעט —
דערזעט!
איר זייט נישט אַליין!
נישט בלויז פאַר אייך
איז פאַראַן
זונען-שיין,
בוימער-צוויט,
וואָס בליט און פּירות ברענגט.

איר האָט געשאַפן האַרן און שקלאַפן
דאָך, געדענקט —
„מיין נישט — די וועלט איז א קרעטשמע באַשאַפן!"
עס קומט פון חשבון אויך א צייט —
א שפּעטע שעה
פאַר חרטהדיקן על-חטא —
פאַלן וועלן, אין פאַרלוירנקייט
די כהנים פון געטשקעס-געטער,

ווי עס פֿאַלן
פֿאַרוועלקטע בלעטער.

גערענקט, איר האָרן —
און שרעקט נישט, שקלאַפֿן —
די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע באַשאַפֿן! —

1962

גיב מיר צוריק

גיב מיר צוריק מיין פאַרשוועכטן יום-טוב
דו, גרויע צייט!
איך ווייס,
אונטער דיין שליימיקן צודעק
וואַרט
אויף ווידער-אַנטפּלעק
די פאַרשעמטע גאָלדענע קייט.

איך גלויב,
באמונה-שלימה כ׳גלויב,
דיין הערשאַפט, גרויע צייט,
וועט נישט דויערן אַן אייביקייט!

קומען וועלן נייע ווינטן
און אַ מיש טאָן אַ ניי בלאַט,
ס׳וועלן ווערן דיינע גרויע זאַמדן
אויף שבעה-ימים צעשפּרייט,

טרוים וועט ווערן וואָר,
אַ וואָר, ווי אַ טרוים —
אַ געבענטשטע פּאָר
זיווּוגדיק פאַרבונדן,
פינקלען וועט מיט טויאיקער פרייד,
ווי די קשרדיקע רינגען
פון דער באַפרייטער גאָלדענער קייט.

1962

כבודו מלא עולם

אין שבת-זומער פאַרנאַכט
ווען טאָג
שטאַרבט אָפּ
אין פּראַכט
פון שקיעה —
ווען אין הייכן ציען ווינטעלעך קילע,
ווען ס׳קלעמט דאָס האַרץ
מיט דעמער-בענקשאַפט —
פלעגט מיין טאַטע
דביקותדיק זיך טראָגן
איבער שלווה פון פעלדער שטילע,
ווי ער וואָלט, בלחש, א תפילה זאָגן.

מיין האַרץ דערפילט
דעם טאַטנס האַרץ אַ וואַרעמערן שלאָג —
צו הימל-הייכן איז זיין באָרד פאַררישן,
מיט פויגל-נייגיר וואַנדערט אום זיין אויג —
מיט חידוש און התלהבות אָנגעגאָסן.

„זע מיין קינד — כבודו מלא עולם!" —
קרייזט זיין האַנט איבער אַ האַלבן הימל —
„איז נאָך פאַראַן אימיץ, גלייך צו אים
וואָס פּראַכט באַשאַפט אָן פּגימה?"

„כבודו מלא עולם"
האָט זיין האַרץ געזונגען
מיט פשוטע רייד

א מזמור פון תהילים —
„די וועלט איז שיין — ווער נאָר ס'פאַרשטייט —
כבודו מלא עולם" — — —

א סך פאַרנאַכטן זענען פאַרביי
זינט יענע קינדער-יאָרן ווייטע —
אין שקיעה-שעה פון מיין אייגענעם פאַרגיי
פליסטער איך ווי מיין טאַטע
אין דעם ווייטן, ווייטן קינדער-חלום:
„די וועלט איז שיין —
די וועלט איז שיין — ווער נאָר ס'פאַרשטייט —
כבודו מלא עולם".

סעפטעמבער, 1961

לאָז נישט פאַרלעשן

לאָז נישט פאַרלעשן
דעם פונק פון דיין גלויבן,
וואָס טליעט בתמימות
אין ריינקייט דערהויבן.

צעבלאָז מיט ווינט
די שטויביקע אַשן,
ירושה פון פלאַם
אַזוי טרויעריק פאַרלאָשן.

צעבלאָז און צערודער,
ביזן תוך דערגיי,
דערזעסטו דעם פונק,
צעבלאָז אים אויפסניי! —

כדי דו זאָלסט ווידער
הייליקן דיין גלויבן
און דעם פונק צו אַ פלאַם
ווידער דערהויבן.

1960.



שמייכל

* * *

כ׳בין אויף דער וועלט געקומען
א ניגון אויסצושפּילן —
קיין פידעלע נישט באַקומען
אויסצולייזן דעם נישט אויסגעשפּילטן ניגון,
וואָס האָט אין מיר געברומט
און געלעכצט נאָך תיקון.

האָב איך אָראָפּגעזעגט א צווייג
פון די העכסטעביימער-שפּיצן,
אָן אָנגעשיכורטע
מיט זונען-גלי,
מיט שטילן פראָסט׳ס שאַרפן ברי,
מיט ווינט׳ס געוויי,
מיט צאַרטקייט פון יינגן שניי, —
און גענומען זיך אַ פידל שניצן.

פון א שטומער צונג׳ס געדערים
(נישט לאַנג געשאָכטן)
סטרונעס אויסגעפלאָכטן —
פאַר טרויער
גענומען די סאַמע דינע,
וואָס ציטערט מיט געאיידלטן צער
אויסגעהוילט פון גראָבער שנאה,
אין בלוט פון הארצן איינגעטונקען
די גראָבע סטרונע,
וואָס ברומענדיק
צעזעגט אויף שטיקער די נשמה.

כ'שפּיל.
ס'איז א ניגון — נאָר נישט מיינער!
עס שרייט די פידל
מיט קרעכצן און געוויין,
מיט טויבן געברום
פון צעשניטענעם בוים.
עס וויינט די דינע סטרונע
מיט צער פון טויט פון דער שטומער חיה;
חשבון מאָנט די גראָבע סטרונע
מיט איר ברומען:
הו-הו, הו-הו,
ס'שפּילט זיך גוט אויף פרעמדע קישקעס —
האַ — א מחיה?!...

נמאס געוואָרן
צו בלייבן א קנעכט
צו דער פידל'ס יאָמער, ליידן —
נישט בלויז צער און געוויינען,
איך וויל שפּילן אויכעט פריידן —
ביידע זענען מיינע!

איז די פידל פאַראַבלט געהאָנגען —
כ'האָב מיין ניגון נישט דערזונגען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ביז איינמאָל,
האָט דאָס זילבער פון פאַרטאָג
אויף דער פידל געטאָן א שלאָג —
ס'האָט אויף דינער סטרונע
געטאָן א ווינטעלע א ווייע
און האָט צעציטערט זי

ווי א צווייגל אונטער יינגע שנייען,
א זונען־שטראַל האָט געטאָן אַ ברי,
דער בויגן, צעשמייכלט, גאַלדיק,
האָט פון זיך אַליין זיך געטאָן א צי.
פאַרגעסן האָבן סטרונעס,
אַז זיי שטאַמען אָפּ פון עוולות,
אויף די פידל —
אַ צוויג אַמאָל —
האָט ווי פון ווינטן צעוויכערט
אָפּגעענטפערט מיט ברומענדיקן ציטער.

מיט אַ פריידיק ליד צעקלונגען
איז אויפגעגאַנגען אַ קאַיאָר
א יחיד בקאַיאָרן —
אויף מיין האַרץ האָט מיטגעזונגען
מיט די סטרונעס אינעם כאָר —

— — — — — — — — — — — — — — —

אויסגעלייזט איז געוואָרן
דער ניגון,
וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג
אין מיר געברומט
און געלעכצט נאָך תיקון.

1962

שפיל מיין פידל

שפיל מיין פידל מיר א ניגון,
ס׳זאָל דאָס האַרץ מיר ווערן גרינגער,
ס׳מעג אַפילו טרויער מיך פאַרוויגן —
נאָר קומען זאָל ער פון צאַרטע פינגער...

פיר דעם בויגן מיט כוונה,
פון צעקלעמטן האַרץ ס׳געוויין באַפריי,
זאָל דער ציטער פון דער סטרונע
ווערן זילבערדיקע לבנה־שיין...

* * *

ים־מאַטיוון

פרילינג.

ס׳טראָגן זיך כוואַליעס
מיט צעשויבערטע קרוינען
פון זילבערנעם שוים,
מיט ברעקלעך פון זונען
אין די קרוינען פאַרשפּינען
לויפן זיי שטורמיש איבער שטילן תהום.

ס׳קומט כוואַליע נאָך כוואַליע
פון האָריזאָנטן ווייטע
כסדר,
כסדר
א כוואַליע באַנייטע
מיט ריטמישן שלאָג אין אייביקן לויף,
ווי געשמיסן מיט ריטער
פון העברעע געביטער
מתקן צו זיין א גורלדיקן חוב.

זיי לויפן
און לויפן אין אייליקע רייען,
קריגער געשולטע,
וואָס אין שלאַכט אריין גייען
מיט אָרעמס צעשפּרייטע קעגן פעלזיקן ברעג —
גרייט צום געשלעג... —
מיט שטיינערנער ברוסט
פאַרשטעלט ברעג דעם וועג,
דעם שוימיקן גלוסט,

פון כוואַליע מיט כעס צעברויזיקט.
מיט שפּיציקן חוזק.
נעמט פעלדז אויף דעם שלאָג
פון כוואַליע מיט אימפּעט געטראָגן —
מיטברייטן פאַרמעסט,
זי טוט בלויז א צוואָג —
און ווערט חרפּהדיק צעשלאָגן...

מיט געלעכטער אַנטלויפן
שפּילעוודיקע שפּריצן,
וואָס שטיפן און בליצן,
ווי מיט זילבער באַצירטע
פאַרכישופטע בלומען
אין לויטערע, העלע
פרילינגדיקע רוימען.

זומער.

דער ים-געשליפענער שפּיגל.
ס'ציטערט בלוילעכער שימער,
דעם הימל'ס פאַסטעלן,
ווי א פאָך פון א פליגל
איבער שפּילעוודיקע וועלן.
ס'פעלדלט א ווינטל די ימיקע פלאַכן,
וואָס קאָרטשן זיך אין תענוג,
פלאַפלען, לאַכן;
ס'צעהוידן זיך כוואַליעלעך
אינעם שפּיל פון ווינט
ווי אין וויגל א צעבאַלעוועט קינד.

בייטאָג.

די זון אויפֿן הימל, סמאַליענדיקער פּלאַם
עקשנותדיק גליט, אָן מינדעסטן ציטער,
אונטער רויכיקן צודעק פֿאַרחלשטער ים
בעט ביי די הימלען א רעגן-געוויטער.
און אָט גיט זיך די זון א פֿאַרצי מיט כמאַרע,
שוין קלאַפּן איבערן וואַסער שווערע טראָפּן
ווי אַמאָל, מ׳פֿלעגט באַשיטן א כלה
אין טאָג פֿון איר חתונה מיט ברכהדיקע האָפּן.

שטורעם.

ס׳ווערט טונקל.
כוואַליעס אַשיק-גרויע,
מיט צעשויבערטע גריוועס אין בהלהדיקער שרעק,
ווי חיהלעך געיאָגטע צעציטערט מיט מורא,
לויפֿן צו אַנטרונען ווו וועלט האָט אַן עק.
פֿלאַמיקע זיג-זאַגן
אויפֿן אַשיקן הימל שמייען.
זיי קעמען די וואָלקנס מיט גאָלדענע קאַמען,
צעשניידן מיט פֿייער די וועלט אין צווייען —
פֿאַרקנופּט אויף א רגע —
אין א ליכט-סנאָפּ פֿאַרשלאָסן,
בייטן זיי אוים שוואַרץ-בייטשיקן רעגן
אויף ליכטיקע קלאָסן —
ווי ס׳וואָלט פֿון די הימלען מיט גינגאָלד געגאָסן.

עס קאָלערן זיך דונערן איבער הימלישע שטעגן
געלאָדן מיט אור-גבורה,
ס׳טראָגן זיך וואָלקנס געשוואָלן מיט רעגן
אַזוי ווי אַמאָל, אין בראשית-יצירה,

אויף נאָך נישט געפורעמטע אור-ווילדע שליאַכן.
ס׳בלענדט.
ס׳טרייסלט אין שווייגן די וועלט
אין באַטויבטער דערוואַרטונג אויף קראַכן,
וואָס יאָגן ווי סטאַדעס צעפּלאָשעטע פערד
צעהירזשעט מיט נצחון,
ווען זיי וואַרפן אין לויף דעם רייטער פון נאַקן.
דונערן קנאַקן.
ס׳פייפט דער ווינט מיט רעש און געוויי,
וואַרפט, רוגזהדיק,
פלאַמען
פון עלעמענטן צעברויזטע פאַרקנופּטע צוזאַמען
אין סטיכיעס תוהו-ובוהו.

א לעצטער דונער-געקאַלער
פאַרשטומט ערגעץ-ווו פּאַמעלעך, געלאַסן...
אָט גיט שוין די זון דורך די וואָלקנס א שימער
איבער צעמבולטן ים מיט א שמייכל א בלאַסן.
נאָך הענגען וואָלקנס
האַלב-ליידיק, האַלב-שווער,
ווי אויף א ברעם אַ צעשמייכלטע טרער.
די זון, ווי א מייסטער,
האָט שוין קונציק פאַרצויגן
אַ בריק פון קאָלירן —
א צאַרטן, שימערדיקן, פיל-פאַרביקן בויגן.

פ אַ ר נ אַ כ ט.

קיל.
די זון, א פאַרשוויצטע
גייט נעמען אַ באָד,

לאָזט זיך צו מערב
אַ פלאַמיק ראָד.
ס׳בלייכן זיך זעגלען,
לופטיקער רויך,
ציטערדיקער חלום,
בלוילעכער הויך.
דער ווינט ברענגט אַ שיפ׳ס פאַרבענקטן רעווען,
שטיל,
ווי פלעדערמייז קרייזן ארום מעוועס.
אין בלויע טרוימען
ווערט ים געהילט,
פאַמעלעך,
פאַמעלעך ווערט
דער אַרום פאַרשטילט.
העט, ווייט,
לעשט זיך טאָג׳ס לעצטע שקיעה
מיט זאַנפטע פינגער פון נאַכט פאַרווישט,
ס׳צאַפּלט אויף דאָס האַרץ
פון יעדער בריאה
מיט טרויעריקער בענקשאַפט
נאָך טאָג׳ס לעצטן קוש.

ה ע ר ב ס ט.

עס שטייט אויף די זון
אַ טריבע, שפּעטע,
אין בלאַסע נעפּלען געהילט,
חלשט זיך שפּיגלען,
מעשה קאַקאַטע,
אינעם ים, וואָס אין טיפן שלאָף ליגט,
נאָך זומער-הוליאַנקעס, אַ מידער.

פּאַמעלעך,
פּאַמעלעך
צעציט ער די גלידער,
צעגעגעצט זיך פויל אויפן גאַנצן קול,
אַזש אַ פאַראַנקערט מנוחהדיק שיפל
האָט זיך צעהוידעט ווי בגיליפון.

די זון טוט אַ שמייכל,
פלינק אַראָפּ רייסט
דער צודעק פון ים געשפונען פון טוי —
ווען ער טוט זיך אַ וואָרף,
ברומענדיק בייז,
קושט זי אים, בפרהסיה, גלייך אויפן מויל
און זאָגט צו אים: „פּעפּער!
איך קום פון וויטן — און בין פריער פון דיר״
געטאָן מיט אים קאָקעטיש אַ שטיף
און באַהאַלטן זיך הינטער אַ וואָלקן —
געבליבן דער ים אין שטוינען, פאַרבליפט,
באַלד זיך צערעוועט,
מיט שוים געשפּיגן,
געשפּרונגען צום הימל
די חצופה צו קריגן — —

ב ײ נ אַ כ ט.

ס׳דרימלט דער ים.
ס׳מורמלען די כוואַליעס אַ וויג-ליד
זייער טאַטן, וואָס ליגט צעוואָרפן, מגושם
אין ביינאַכטיקן טונקל מיט אָפּגעדעקטן גליד
ווי אַ גולמדיקער תם.

ער שלאָפֿט דער ריז,
אַלץ איז הפקר־אָפֿן.

ס׳טרעפֿט אַמאָל, ווי ס׳האָט נישט איינמאָל געטראָפֿן,
נאָכדעם ווי די לבנה איז שלאָפֿן אַוועק,
קומט פֿון ווייטע מקומות
אַ דערטרונקענער צום ברעג,
כאַפּט אַ בליק, אַ לעצטן
אויף פֿרעמדן לעבן,
לאָזט אַ טרער
און צו די פֿינצטערנישן טוט צוריק אַוועקשווענבן.
אָדער
אין לבנה־נעכט, פֿון באַזילבערטער טיפֿעניש,
העט־ווייט, אינעם ים, שווימט אַרויס אַ פֿיש,
וואָס איז אַמאָל אַ כלה געווען,
און גאַרט צום לעצטן מאָל
איר באַשערטן צו זען.
מיט וואַסער־טרערן זענען פֿול אירע אויגן,
צעוויינט זיך אין זיך
און גייט לייגן רויגן
אין באַהאַלטענעם מיין —
אפֿשר וועט אירם אַ פֿישל צום באַשערטן דערגיין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי גייט די נאַכט, אַ גערוישלאָזער שאָטן.
מיט געמאָסטענע טריט, פֿון פֿאַראויס באַשטימטע,
ס׳וואַנדערן שטילע, ווייטע שטערן,
ס׳בערגלען זיך כוואַליעס מיט שוים לייכט באַזוימטע.
ווען מזרח צעהעלט זיך מיט שטרייפֿן סעלעדין
און אַ ווינטל זאָגט אָן דאָס קומען פֿון טאָג,
בייט ים אוים זיין גרויקייט אויף גרינע פֿיאָלעטן

און נעמט טרייבן די כוואַליעס מיט שטאַרקערן שלאָג.
עס האָט זון זיך באַוויזן צניעותדיק פאַררויטלט
אין פורפור און אין גאָלד צוזאַמענגעשטיקט,
טיילט מלכותדיק פאַנאַנדער, שעמעוודיק צעשמייכלט,
אירע אוצרות בשפע פון האַנט געשיט.
מעווע-ווייסקייט גיט גאָלדיק א פלאַטער,
מיט גאָלד טוט די קרוין פון כוואַליע א ציטער,
צום ברעג איילט דער ים מיט פריידיקער בשורה
וועגן אַלט-נייעם געשאַנק —
לויפנדיק, זינגט ער זיין פרימאָרגן-שירה
מיט איידעלן, רוישיקן זילבער-געקלאַנג
און טראָגט אויפן רוקן דעם פריידיקן אָנזאָג:
„ס׳איז געקומען ס׳מלכות פון א נייעם טאָג".

1960

ווּ איז דער אמת?

ווּ איז דער אמת,
דער זעלטענער פויגל?
איז ער אין גלאָריע פון אַלטע שימות פאַרהוילן?
איז ער אין פּאַנען-געפלאַטער
אויף מאַסטן פון נייע גלויבנס געהויבן?
אדער אין היעראָגליפן
פון א פּאָרמולע-שטייגל?

צי היפּט ער
פון צווייגל צו צווייגל
מיט זיבן קאָלירן
אין דער זון זיך צו שפּילן?

איז ער פון יינגע דער בליק,
אָנזאָג און צינדער פון דערוואַכטע געפילן?
אפשר, דער עלטערס שטאַמלענדיקער לשון
אין לעצטן שטאַמל פון אַ לעבן פאַרלאָשן?
אפשר איז עס פייער פון א ברויזיק געפיל,
אפשר — קילע מחשבה געבוירן אין דער שטיל?...

ווּ איז דער אמת?
שווער צו דערגיין...
אפשר — ד אָ ס ז ו כ ן —
איז דער אמת אליין?!...

1961

מחשבות פון אן אַלטן שניידער

פאַר אַנדערע געניית פון זייד און אַטלעס,
פאַר זיך פון פשוטע סיצן,
פון צווישן כאַלאַטל-פאַלעס
קוקט אַפער מיט חשיבות א תכלת-ציצה.

„ברוך אדוני יום, יום" —
זיין באַליבטער מאמר,
איי, פרנסה איז קוים, קוים —
איז אויך געלויבט צו גאָט דערפאַר!

נישט געקרעכצט און נישט געאָכצט
כאָטש גרוים דער עול פון גידול-בנים,
טעכטער, קיין עין-הרע, א האַלבער טוץ —
בלויע שאָטנס אויפן פנים.

ס'גייט די האַנט שטאָך און שטאָך,
ס'גייט מיט מחשבה טריט ביי טריט —
און נישט מיר — נישט דיר — א זמר'ל מיט „אָך און אָך"
רייסט דעם פאָדעם פון טריבן געמיט.

תפילין, ברילן און נאָדל-פאָדעם
זיין האָב-און-גוטס דורך די יאָרן —
איי, עס ווייסט די באָרד זיך מיט זילבער-פעדעם —
איז מע-רעש אויב מ'איז אַלט געוואָרן?...

אזוי פרום געדאַוונט, געאַרבעט ערלעך
א לעבן לאַנג ביז די שבעים,

געזען די וועלט איז גאָרנישט פריילעך,
מסתמא וויל גאָט אַזוי — ס׳איז אַלץ פון אים...

אינעם זכות פון רייכן לעבט די אָרעמקייט
און אַזוי מוז זיין דער סדר פון דער וועלט!
דעם נייעם צדק, וואָס ייִנגוואַרג פּריידיקט,
איז אויף גאַלן שקר אַוועקגעשטעלט.

— —

אין די לעצטע טעג פאַר זיין שיידן
מיט מחשבות קלאָרע צעפינקלען זיך די ברילן,
„וועגן אָרעם-רייך — געהאַט א טעות איןביידן" —
האָט ער געמורמלט מיט א זיפץ א שטילן. —

יולי, 1962

דער אורח

אַ קלאַפּ אין טיר — אָרעמע לייט...
דער מאַמעס טאָג איז פרייטיק —
כאָטש זי האָקט זיך פינגער אָפּ פאַר אַן עוקץ צייט
דאָך טיילט זי גראָשנס גינציק־פריידיק.

זי זאָגט צו מיר מיט אויגן פרומע:
„צדקה איז אַ גרויסע מצוה
און אויך אַ סגולה קעגן קצבה —
וועסטו זוכה זיין — וועט אַמאָל אליהו קומען!"...

אַזוי ביז היינט ווי געווען ס'איז דעמלט:
אַ קלאַפּ אין טיר — „ער איז אוודאי דאָ!"...
די וואָר צערייסט נעפּלדיקן דרעמל:
אַריינגעקומען איז אַן אַלטער גוי...

די מאַמעס אויגן פאַרוווּנדערט, טונקל —
אין אַ יידיש הויז איז אַ גוי אַ חידוש —
באַלד דערויף טוט מחשבה אַ פינקל:
— „זעצט זיך" — זאָגט זי חצי־גויאיש, חצי־יידיש.

שטעלט פאַר אים אַ פולן טעלער,
לייגט פאַר אים ברויט מיט זאַלץ —
„עסט, כ'האָב דערוויל נישט מערער —
דאָס, וואָס קאָכט זיך — נישט פאַרטיק אַלץ"...

ער ברעכט דאָס ברויט אומגעוואַשן,
טונקט אין זאַלץ אַן „המוציא",

כ׳קוק פון ווינקל אויף זיין קאָפּ דעם ווייסן —
איז ער יאָ? — איז ער נישט? — מאַטערט א ויתרוצצו...

אָפּגעגעסן, זיך פרום געצלמט
מיט „בוג זאַפּלאַטש" פאַרמאַכט די טיר,
איך, אין שטאַרעניש פאַרגולמט
טראַכט און טראַכט — פון אָרט קיין ריר...

די מאַמע קוקט צו מיר און שמייכלט:
— „וואָס דער מער מיט דיר, שפּילן גיי!"
— „מאַמע" — זאָג איך און איך וועג מיין צווייפל:
„איז א מצוה צו קאָרמענען א גוי?"

— „דער טאַטע לערנט דאָך דיך דעם פּסוק:
„שלח לחמך על פּני המים"
הונגער מאַכט נישט קיין שום חילוק
צווישן יידן און, להבדיל, גויים".

„א מענטש איז ער גלייך מיט אַלע,
און הונגעריק דערצו — אַליין געזען האָסטו דאָך —
ביי טאָן א מצוה, קינד מיינס, פרעגט מען נישט קיין שאלה
ייד צי גוי — די מצווה גופא איז דער תוך".

נאָוועמבער, 1961

שטורעם אין דער שטאָט

פאַר קינדער

איבער רחבותדיקער וועלט,
איבער באַרג, איבער טאָל,
איבער וואַלד, איבער פעלד,
איבער שטעט געבויט פון שטאָל,
איבער דערפער פון פראָסטן האָלץ
האָט געהויבן זיך צו הימלען שטאָלץ
מאַמע - ווינט.

הינטער איר פּאַטשט מיט פליגעלעך געשווינד
א שקציש ווינטל,
איר קינד,
וואָס לויפט איר נאָך ווי א הינטל
נאָך מאַמע-הונט.

און זיי שטיפן און זיי וואָיעווען
מיט שפּילעוודיקן שמייען,
אמאָל אונטן, אמאָל אויבן
טוען זיי זיך משוגע דרייען —
זאָגן מענטשן מיט א שמייכל:
— ס'א מחיה
ווען א ווינטל טוט א ווייע...

פלאַפּלט מאַמע-ווינט:
— גענוג געשפּילט!
איצט, מיין קינד
וועלן מיר נעמען לויפן

איבער גאַסן, איבער הויפן
אין דער גרויסער שטאָט —
ביז אָט דעם קליינעם, ווייסן וואָלקן,
וואָס פאַרבלאָנדזשעט האָט
צווישן מויערן און ציגל ! —

און מאַמע־ווינט
האָט מיט טויזנט פליגל
געטאָן אַ שפּאַר
צו דער שטאָט ווי א שקוואַל,
אָבער אין ראַשיקן געלויף
איז זי אריבער, העט,
די לעצטע גאַס, דעם לעצטן הויף
און געפאַלן פלאַטשיק אויף אַ פוסטן פעלד.
טראַכט זי — גוט ! —
כ׳וועל באַהאַלטן זיך פאַרן יאַטל
און מ׳עט זען
צי וועט געפינען מיך מיין כוואַטל !...

און דאָס ווינטל ווי א פעדער לייכט,
וואָס קוים עס פליט, קוים עס בלאָזט
און עס פרייכט
פייפנדיק מיט דער נאָז,
פאַלט אַרונטער טויט־מיד
אין א הייפל אָפּצורוען.
אַריין אין טיפסטן ווינקל,
ווו ס׳איז שאָטנדיק און טונקל
צעלייגט זיך, מעשה פריץ, אויף אַ באַנק —
געלעגן איז גראַד דאָרט
דער באַלעבאָס פונעם הויף — קראַנק.

צוגעדעקט ביז איבער באָרד
שוידערט ער: — „אוי, ווי קאַלט!...
עס טראַסקעט דאָס קדחת"...
צונויפגענומען די לעצטע כוחות,
די טיר אויף שלאָס פאַרקלאַפּט —
און וויי-און-ווינד!
דאָס ווינטעלע, דאָס קינד
פאַרשפּאַרט! —

וואַרט מאַמע-ווינט א האַלבע שעה, א שעה,
וואַרט און וואַרט
און איר ווינטל איז נישטאָ! —
שטורעמדיק האָט זיך מאַמע-ווינט פון פעלד געהויבן
צו דער שטאָט מיט רוגזה צוריק געפלויגן —
רעוועט צעיושעט-ווילד:
— „די מינוט צוריק מיין קינד!" —
באַלד דערויף נעמט וועלטן קערן,
מיט לאַנגע בייטשן שמייסן איבער גאַסן,
הויפנס שטויב הויבן זיך ביז די שטערן,
ווירבלען, פייפן, וואָיען, וויינען, ברעכן, רייסן,
א שפּאַר געטאָן צו די העכסטע דעכער,
צו די שטאַלצע, הויכע קוימענס,
צעשפּרייט די רויכן ווי א פעכער
און צעשיט די ציגל ווי א בינטל שימות...
א זעץ געטאָן מיט טויזנט פויסטן
אין א מחנה פינקלדיקע שויבן,
צעעפנט האָבן פענצטער מיילער טויזנט
מיט געשריי פון צעהאַקטע ברוסטן.
ווי א שניי-לאַווינע, ברויזנד
האָבן שיטן זיך גענומען, בהלהדיק צעשראָקן
שטיקער גלאָז, גאַנצע שויבן,

שפיגלען גלאַטע פון הויכע שטאָקן,
און געפאַלן צו דער ערד
מיט געזאַנג פון צעשיטע גלאָזן —
אַ צעשטורעמטע טשאַטע ווייסע טויבן
פונעם ווינט פאַנאַנדערגעבלאָזן.

דריי מעת-לעת האָט דער ווינט געדעוועט,
געפייפט אין קוימענס,
אויסגעשפּילט אויף דראָטן
דעם גרויסן צער פון אַ מאַמעס קלאָג,
פאַרשטומט געוואָרן און זיך אויפסניי געיאָוועט
אין די גאַסן, אין די גאָרטנס —
געזוכט איר קינד טאָג נאָך טאָג.

האָבן מענטשן בייז געשיפּעט:
„וואָס איז היינט מיטן ווינט דער מער?!...
ער לאָזט נישט לעבן — קוים מ׳זשיפּעט,
האָט זיך דען געהאָנגען ווער?!"

נישט באַנומען האָבן זיי דאָס לשון,
דעם צער און ווייטיק פון מאַמע-ווינט —
אַז איר לעבן האָט זיך אויסגעלאָשן
ווען זי האָט פאַרלוירן איר איינציק קינד...

1960

א מעשה אין גראַמען

איבערן פּלויט, אין אַ גאָרטן נעבן מיין הויז,
איז אַ כאַפּטע זינגער פאַראַן.
איינער מיט אַ בייכל ווייס ווי ביי אַ מויז,
פון דער משפחה קאָקאַבוראַ,
פאַרשטעקט אין צווייגן־געפלעכט
נישט ער זינגט, נישט ער טרעלט, רק ער לאַכט
מיט אַן אויפגעפּוישטן גווידער,
אַז עס נעמט אַזש אַ שוידער.

האָט איינמאָל דער פויגל דערהערט,
אַז אויך איך האָב ליב צו טאָן אַ זינג —
געוועזן, ווייזט אויס, מיר אַ מפּלה באַשערט —
ווי נאָר ער דערהערט פון מיין מויל אַ קלאַנג:
לאַ־לאַ, לאַ־לאַ!, לאַ־לאַ!
לאַכט ער מיט חוזק: כאַ־כאַ־כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!
זינג איך נאָך העכער
צו פאַרשרייען דעם לאַכער:
— לאַ־לאַ־לאַ־לאַ!!!
לאַכט ער צו להכעיס: כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!!

זע איך: כ׳האָב צום פויגל פאַרשפּילט —
און זינגען וויל איך — איך האָב ליב מיין ליד —
בין איך געגאַנגען איבער שטאָטישע גאַסן,
געזונגען פאַר מענטשן — יחידים, מאַסן,
אויף מבינות געפרעגט. די יידן ווי יידן
מיט די אַקסלען טרייסלען:
ר׳ ייד, נישט אונדזער ביזנעס!...

נישט מיר פֿאַרשטייען, נישט מיר ווייסן...
מער נישט אַהינצו, הינטער דער שטאָט
אין אַ הייזל געבויגן, נעבן אַ בראָד
חכמים צוויי וווינען,
אויף זינגען מבינים אַזעלכע און אַזוינע!...

בין איך געגאַנגען הינטער דער שטאָט
געפֿונען דאָס הייזל, וואָס נעבן בראָד,
אַ קלאַפּ אין טיר — מ׳זאָגט: אַריין!
אָט שטיי איך פֿאַר די חכמים אַליין...
— אדוני חכמים! אויף זינגען מבינים
האָב איך געהערט איר זענט...
מיט אויגן געגלאָצט אויפֿן באַלקן, אויף ווענט
האָבן די חכמים בלויז מיט אַ פֿינגער
צו מיר געטאָן אַ ווינק:
— זינג!
האָב איך אָנגעהויבן שטיל, באַשיידן,
גלייך פֿון האַרצן מיט וואַרעם געפֿיל —
איך כאַפּ אַ בליק — זע ווי זיי ביידע
ווינקען זיך איבער מיט די אויגן אין דער שטיל —
כ׳רייס איבער פֿאַרשעמט און טו אַ פֿרעג: — נו?...
ענטפֿערט מען מיר מיט מרוקע: מו — בו!...
ס׳איז גוט און ס׳טויג נישט! — דאָס איז מיין מיין,
ס׳דאַרף זיין געלעכטער, ווו ס׳איז פֿאַראַן געוויין...
דאָ — צו נידריק, דאָרטן — צו הויך,
שלאָגסט זיך בחינם אַרויס פֿון כוח!...
געזאָגט און אַ שמייכל צעקרומט זיין באַק —
אָפּגעהאַקט אַ קאַפּ ווי אַ קצב מיט דער האַק.
דער צווייטער, גליטשיק ווי אַ שלייען
האָט גענומען דזשאַמדזשען, קוועטשן און צעקייען

דאָס וואָרט, וואָס איז נאָכנישט ארויס פון מויל —
א קנופּ מיר אין בעקל: אָט דאָס איז וויל,
אָט דאָס איז א מעדן דריי מאָל פּשש!
אָבער זאָגן כ׳קאָן נישט און וויל נישט —
האָט ער גליטשיק פאַרענדיקט —
אַז אַלץ איז גוט, געגוג פאַרשטענדיק...
ביים רעדן געריבן א האַנט אין אַ האַנט
מיט די אויגן פאַרשטעקט ערגעץ אין וואַנט...

זע איך — כ׳האָב צו מבינים פאַרשפּילט! —
און זינגען וויל איך — איך האָב ליב מיין ליד —
בין איך פון שטאָט אין פעלד געגאַנגען
געפרעגט ביי בלומען, ביי בוימער, ביי זאַנגען:
— ווייסט איר, רבותי, ווו איך זאָל זוכן
א מבין אויף מיין געזאַנג?
אין שורשנדיקער שטילקייט ווי א כהן ביים דוכן
האָט געשעפּטשעט א ביימל, א בלימל, א זאַנג:
— ס׳איז אַ לאַנגער וועג, א ווייטער גאַנג!
באַלד נאָכן וואַלד קומסטו צו אַ טאָל,
פון טאָל ביז צום הימל וואַקסט אַ ריז מיטאַמאָל,
באַוואַקסן מיט שטעכלקעס פון פיס ביזן קאָפּ
איז דער באַרג וואָס קוקט פון אויבן אַראָפּ.
נישט שרעק זיך — דורך די שטעכלקעס קלעטער —
קומסט דו צו א וועג באַשאָטנט מיט בלעטער,
קלעטער אַלץ העכער, זשאַלעווע נישט די פיס,
אויפן סאַמע שפּיץ געפינסט דו וואָס דו זוכסט!
ווער איז ער?...
וואָס איז עס?...
האָב איך מיט שרעק געפרעגט —
מיר ווייסן נישט! — מיר האָבן פון ווינט געהערט —
האָבן ביימער, בלומען און זאַנגען געענטפערט —

געוועזן איז דאָס אַ מאָל אַ פּלאַס,
וואָס איז מיט כּישוף פֿאַרשעלט,
צוליב דעם, וואָס דער פּלאַס האָט געהאַט אַ פּגם,
איז עס אין אייז אַ שטיק געוואָרן פֿאַרקילט...
מ׳זאָגט ער איז אַ מבין — נישט אַזוי סתם,
ווי אויף אַ טריפה-שאלה — אַ הייליקער ייד...

בין איך דורך שטעכלקעס-געקלעטער
געקומען צום וועג באַשאָטנט מיט בלעטער,
און איבערן וועג שפּרייז איך און כ׳שפּרייז
ביז כ׳בין געקומען צום מבין אויס אייז.

טיף אינעם אייז קלאַפּן לינאָטיפּן,
ביי טישן זיצן קוקלעס, משונהדיקע טיפּן,
איינער שרייט אין טעלעפאָן, אַז ס׳גרילצט אין די אויערן,
אַ צווייטער איז בלויז אַ פּאָר ליפּן אין אַ גרימאַס פֿאַרפֿרוירן,
אַ דריטער — אויפֿן האַלדז אַ פּאַפּירענע שער
זיצט זיך ביחידות, כ׳מיין דאָס איז טאַקע ער!
כ׳זאָג: אדוני! — און כ׳ווער פֿאַרגליווערט פון קעלט,
גלאַטיק דאָס אייז, אינערגעץ קיין שפּאַלט —
פֿאַר וועמען זאָל איך דאָס זינגען?!...
טראַכט איך: מענטשן האָבן ליגנערישע צונגען,
אָבער ס׳זאָגן קיין ליגן זאַנגען, בלומען,ביימער!
כ׳וועל זינגען אָן מורא — סיי ווי הערט מיך קיינער —
כ׳זינג דאָך צום בעסטן, ווען כ׳בין מיט מיר איינער!...
אפשר וועט אַ נס געשען, דער כּישוף וועט אַוועק,
און כ׳וועל קומען צום פּלאַס אינעם אייזיקן פֿאַרשטעק.
כ׳וויל נישט זינגען צום אייז! מיין געזאַנג פֿאַרפֿרירט,
כ׳וויל זינגען צום פּלאַס — דעם פּאַטער פון יעדן געבורט!
און כ׳זינג, מיט חשק, מיט האַרציקן פֿליים...
כ׳זע, ס׳נעמט שמעלצן פּאַמעלעך דאָס אייז —

אין דער סאַמע הויך עפנט זיך אַ שפּעלטל,
כ'מיין, אַז מיינע זענען אַלע וועלטן,
כ'וועל קומען, כ'וועל קומען צום פּלאַם!

פּלוצלינג נעמט פּרירן דאָס שפּעלטל אין האַלבן וועג
און אַ קילקייט גיט אייזיק אַ פרעג:
— איז דאָס אַלץ, וואָס דו קענסט?
זע, מיין נישט איך בין אַ געשפּענסט!
עס איז בלויז פּערפעקציע, אַזאַ שפּיל —
זיין אַזוי פלאַמיק און בלייבן קיל...
דו — אָדער צעשמעלץ מיך, אַז דאָס אייז זאָל צעגיין,
אָדער פאַראייזיק זיך, אַז זאָלסט אויך ווי איך זיין!

זע איך — כ'האָב אויך צום אייז פאַרשפּילט!
און זינגען וויל איך — כ'האָב ליב מיין ליד —
בין איך אַראָפּ פון באַרג אין פּוסטן פעלד
און געזונגען צום ווינט, וואָס האָט וועלטן געקערט,
שטיל איז געוואָרן דער רעש פון ווינט,
ווי אַ ווילע געקלערט —
באַלד דערויף, כאַפּ-לאַפּ, האָט ווינט געשווינד
געכאַפּט מיין געזאַנג און צעקלונגען עס באַלד
העט איבער פעלדער, לאַנקעס און וואַלד —

אין וואַלד האָבן בוימער פון ווינטן צעשאָקלט
געשטעלט זיך צום טאַנצן מיט די צווייגן פּאַד-באַקאַס,
ס'האָט אַ געוויקסיקע סאַסנע געכאַפּט אַ בעריאָזע
און צום טאַקט אין אַ טענצל מיט איר זיך געלאָזן,
טראַמפּלט אונטער אַן אַלטיטשקער דעמב —
פאַרוואָס אַזאַ חוצפּה?
פאַרוואָס האָט איר שניקעס אַן אַלטן פאַרשעמט
און פון אונטערן נאָז פאַרכאַפּט אַ מצוה?...

מיט דעמבּעגע הענט פֿאַרפּלאָכטן דיביידן —
שוין האָפּקעט אַ סגל צוזאַמען אין פֿריידן...
בייגן זיך בוימער מיט נייגיר און שאלה —
ווער איז דער חתן? ווו איז די כלה?...
פֿרעגט נישט נאַראָנים קיין איבעריקע קשיות —
זעסט, אַז מען טאַנצט — די פֿאָלעם פֿאַרקאַטשער!
דרייען זיך רעדלעך מיט די צווייגן פֿאַרשטשעמעט,
ס'דרייט זיך דער וואַלד — אַ צעהוליעטער ראָד!
ס'ציטערט צום טאַקט פֿון די טענצער די ערד —
ס'שטורעמט אַ הוירא — אַ ישראל-קאַראַהאָד!
צוזאַמען מיט וואַלד דרייען זיך פֿעלדער,
ס'איז אַלעמענס כבוד, סיי ייִנגער, סיי עלטער,
ס'דרייען זיך גאָרטנס, ס'דרייען זיך לאָנען,
ס'רעדלט אַ סטאַוו מיט שיכורע שוואַנען,
ס'הוידן זיך בריקן, ס'צעגיסט זיך אַ טייכל,
ס'דוכט, די וועלט האָט פֿאַרלוירן דעם שכל...

איך שטיי אין מיטן — וווּנדער זיך און לאַך —
דעם שטורעם אין וואַלד האָט מיין ליד געמאַכט!
ס'איז אַנטלאָפֿן דער פֿויגל... צעגאַנגען איז דאָס אייז...
די חכמים ווו זענען — קיינער פֿון אייך ווייסט?...
קומט רבותי מבינים,
ס'איז אָנגעגאָסן וויין אַ כּוס —
לאָמיר מאַכן אַ לחיים —
די „מעשה אין גראַמען" איז אויס!...

אינהאַלט

חורבן

ר. י. ף.

א) טויזנט־ניין־הונדערט־פערציק־און־דריי . . . 15
ב) עס נעמט זיך שוין לעשן 18
ג) שחיטה 25
ד) וואַרשעווער געטאָ 31
ה) רב 39
ו) וויבראַניעץ יאַן 45
ז) כלה 51
ח) * * * (אָן אַ נאָמען) 58
ט) חנה׳לע 63
י) מאַמע 69
יא) די תפילה פון די טויטע 78
יב) * * * 80

אַרטור זיגעלבוימען 82
יאַנוש קאָרטשאַק 83
די עקידה 85
שמונה עשרי לחופה 90
על נהרות פוילן 92
לעצטער קעמפער 94
לערן זיך, קינד, דיין יידיש לשון 96
* * * 97

טריבע הימלען

וואַרשע, שטאָט פון מיין געבוירן 101
עלנטע גאַסן 103
טרויער פון דער גרויסער שטאָט 105
צו מיין שוואַרצן ברודער 108
משה׳ס צוריקקער 110

מיראַזשן

אַ רייזע 121
קלאָאון 123
שוואַנען־געזאַנג 126
פאַרגאַנגענע טעג 129

נאכט 130
א לבנה־נאכט אין תפיסה־צעלע 132
אין דיינע שפעטע יארן 133
כ'האב געוואנדערט 135
* * * 136
שטילע שעה 138
פאלן הארבסטיקע בלעטער 140
באלאדע פון א ייִנגן פישער 141
* * * 146

טויען

א תפילה 149
מיין ווארט 150
דעק נישט אויף דיין פנים 151
איינזאמע א טרייסט 153
וואנדער־וועגן 155
* * * 157
בטחון 158
עליות, ירידות 159
מרידה 161
„מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע באשאפן" . . . 163
גיב מיר צוריק 165
כבודו מלא עולם 166
לאז נישט פארלעשן 168

שמייכל

* * * 171
שפיל מיין פידל 174
ים־מאטיוון 175
ווו איז דער אמת? 183
מחשבות פון אן אלטן שניידער 184
דער אורח 186
שטורעם אין דער שטאט 188
א מעשה אין גראמען 192

רשימה

פון פאַרשפּריימער אין דעם פאַר-פאַרקויף און פון באַשטייערער

אַבראַנטשקאַ
אַרלי
בילאַנדער
בערמאַן
גאָלדבאַנד-לאַנגער
גלאַנץ
דייווים
האַלקנער
האָניגסמאַן
הילטש
וואַדאַש
וואַרסקי
וואַרשאַווסקי
וואָלף
וואָלראַט
ווייצמאַן
ווראָבלעווסקי
זעמעל
זשאַרנאָווסקי
טאַומאַן
טענענבוים
ליבערמאַן
לינטש
לייפּציגער
מאַשין
מאָשקאָוויטש
מאָקאָטאָוו
מיאָדאָווניק

סקורניק
סקלאַר
ענגעל
ערענרייך
פּישער
פרידמאַן מ.
פעקטאָר ש.
פעקטאָר ס.
פּאָסעסאָרסקי
פּראַצעל
קאָהען
קאָוואַדלאָ
קאָסטען
קאָסקי
קראָנהיל
קעניגשטיין
ראָזשינסקי
ראָזענבערג
ראָזענטאַל
ראָטבליט ב.
ראָטבליט ס.
ריכטער
שוץ א.
שוץ מ.
שטיגליץ
שטייער
שמולעוויטש
שמערלינג י.